STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01361

D.A.R. LERN-BIKHL FAR BIRGERSHAFT

Daughters of the American Revolution

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. א. ר. לערן־ביכל
פאר בירגערשאפט

(YIDDISH EDITION)

ארויסגעגעבן פון
דער נאציאָנאלער געזעלשאפט
טעכטער פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציע

צוזאַמענגעשטעלט פון
מרס. דזשאן לעידלאָ ביועל
קאָנעטיקוט

ד. א. ר. לערן־ביכל פאַר בירגערשאפט

ערשטע אויסגאבע, 1920

(רעווידירט ביז אָקטאָבער 1, 1945)

די 1945 אויסגאבע פון דעם
ד. א. ר. לערן־ביכל פאַר בירגערשאפט
איז געווידמעט צו
מרס. אי. טאָמאַס באָיד
ספעציעלער ראַטגעבער צו דעם נאַציאָנאַלן דעפענס קאָמיטעט
אין אַנערקענונג פאַר איר איבערגעגעבענער אַרבעט אין
רעווידירן און צוזאַמענשטעלן דאָס ביכל פאַר דער
נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט, טעכטער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע

דאַנקבאַרע אַנערקענונג ווערט אויסגעדריקט צו דער אימיגראַ־
ציע און נאַטוראַליזאַציע אָפּטיילונג פון יונייטעד סטייטס דע־
פּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס פאַר זייער העפליכקייט אין צושטעלן
די פולע אינפאָרמאַציע וועגן
„ווי אזוי צו ווערן אַן אַמעריקאַנער בירגער."
אימיגראַציע געזעצן רעווידירט ביז פעברואַר 1, 1949

אַנערקענונג ווערט אויך אויסגעדריקט צו דער „אָפּאָרטוניטי
סקול" פון דענווער, קאָלאָראַדאָ, פאַר דער ווערטפולער הילף
און ראַט וואָס דער דעפּאַרטמענט פון אַמעריקאַנער בירגער־
שאַפט האָט צוגעשטעלט.

COPYRIGHT
BY THE
NATIONAL SOCIETY
DAUGHTERS OF THE AMERICAN REVOLUTION
1948

אַלע רעכט רעזערווירט איינשליסנדיק
דאָס רעכט צו איבערזעצן אין
פרעמדע שפּראַכן

PRESS OF
JUDD & DETWEILER, INC.
WASHINGTON, D. C.

ד. א. ר. לערן־ביכל
פאר בירגערשאפט

(YIDDISH EDITION)

אַרויסגעגעבן פון

דער נאציאָנאלער געזעלשאפט

טעכטער פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציע

„דאָס וואָס מיר האָבן איצט געלערנט און טאָרן קיינמאָל ניט פאַרגעסן איז פאָלגענדעס: אַז אַ געזעלשאפט פון זעלבסט־רעגירענדע מענטשן איז מעכטיקער, דויערהאפטער, שעפערישער ווי וועלכע אַנדערע געזעלשאפט, ווי דיסציפלינירט און ווי צענטראַליזירט זי זאָל ניט זיין.

”דער גרונד געדאַנק וועגן דעם ווערט און די ערהאבנקייט פון דעם מענטשן איז ניט דאָס סענטימענטאַלע שטרעבן אָדער די פוסטע האָפענונג אָדער אַ שטיק מליצה. עס איז דער שטאַרקסטער, דער שעפערישסטער כוח וואָס געפינט זיך איצט אין דער וועלט.”

הערי ס. טרומאַן.

אינהאלט

	זייט
קבלת פנים רעדע	7
באגריסונג	9
די אנטוויקלונג פון פרייהייט	11
דער אָנהויב פון אמעריקע	12
די דעקלאַראַציע פון אומאפהענגיקייט	16
די פאָן פון די פאראייניקטע שטאַטן	20
אָנווייזונגען	21
די שבועה פון טרייהייט	23
די רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאַטן	26
די קאָנסטיטוציע	26
הקדמה צו דער קאָנסטיטוציע	27
דאָס געזעץ וועגן רעכטן	31
דאָס געזעץ וועגן רעכטן	33
וואָס די קאָנסטיטוציע מיינט פאַר אייך	36
שטאַט רעגירונגען	37
צום אפליקאַנט פאַר אמעריקאַנער בירגערשאַפט	39
די שבועה פון בירגערשאַפט	40
פראַגעס	41
דער גלויבן פון דעם אמעריקאַנער	42
דעם בירגער'ס פאַראַנטוואָרטליכקייט	45
„איזמען" זיינען ניט אמעריקאַניש	46
עקאָנאָמישע סיסטעמען	46
פאָליטישע סיסטעמען	48
די אמעריקאַנער פאָרם פון רעגירונג	49
פראַגעס	53
פאַרטייטשונג פון ווערטער	54
טעקסט פון דער דעקלאַראַציע פון אומאפהענגיקייט	57
טעקסט פון דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן	62
אמענדמענטס (אויסבעסערונגען)	78
ווי אזוי צו ווערן א בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן	I
נאַטוראַליזאַציע געזעץ (אין ענגליש)	I
How to Become a Citizen of the United States of America	I
Naturalization Law	I

אילוסטראציעס

	זייט
די היים פון דער נאציאנאלער געזעלשאפט, ד. א. ר.	8
די קעפיטאל געביידע פון די פאראייניקטע שטאטן	10
אינדעפענדענס האל	19
די פאן פון די פאראייניקטע שטאטן	23
דער גרויסער זיגל פון די פאראייניקטע שטאטן	24
פרייהייטס־גלאק	44
די סטאטוע פון פרייהייט	52
לאנדקארטע פון די פאראייניקטע שטאטן	55A-55B
טשארט פון דער פעדעראלער רעגירונג	XVIII
טשארט פון די שטאט רעגירונגען	XIX

קבלת פנים רעדע

(געשריבן פאַר דער ערשטער אויסגאַבע אין 1920 פון מרס. דזשאָרדזש מעינארד מיינאָר ווען זי איז געווען גענעראַל-פרעזידענט פון דער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט, טעכטער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, פון 1920 ביז 1923).

ווילקאָמען צו די פאַראייניקטע שטאַטן זייט איר אַלע מענער, פרויען און קינדער וואָס קומען אין דעם לאַנד מיט דער אידייע צו ווערן געטרייע, געזעץ-היטענדע בירגער!

די נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט פון די טעכטער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע דריקט אויס אַן אויפריכטיקן און האַרציקן שלום עליכם צו אייך אַלעמען.

די געזעלשאַפט וועלכע באַגריסט אייך באַשטייט פון פרויען וואָס שטאַמען אָפּ דירעקט פון מענער וועלכע האָבן געקעמפט אין דער מלחמה פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. יענע מענער האָבן געקעמפט צו עטאַבלירן אַ פרייע, רעפּרעזענטאַטיווע רעגירונג אין וועלכער אַלע בירגער זאָלן האָבן אַ חלק. מענער און פרויען לעבן דאָ און אַרבעטן אין פרידן און אין וואויל-שטאַנד אונטער געזעצן וואָס זיי אַליין האָבן באַשאַפן.

אונזער אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן כדי צו פאַרשפּרייטן פּאַט-ריאָטיזם און ליבע צו אונזער לאַנד און אירע אינסטיטוציעס. איינע פון אונזערע אויפגאַבן איז צו העלפן פרעמדע וועלכע קומען אין דעם לאַנד צו פאַרשטיין אונזער רעגירונג און אַלץ וואָס אונזער פאָן שטעלט מיט זיך פאָר.

מיר אַנערקענען אַז אַלע אַנדערע וואָס קומען צו אונזערע ברעגן מיט ערליכע און אויפריכטיקע אבזיכטן, אַזוי ווי אונזערע עלטערן זיינען אַמאָל געקומען, זיינען באַרעכטיקט צו גלייכע געלעגנהייטן און כבוד.

עס איז אַ שטאָלצער כבוד צו באַקומען אַמעריקאַנער בירגערשאַפט. עס איז נאָך מער ערנהאַפט צו פאַרדינען אַזאַ בירגערשאַפט דורך זיין געטריי צו אונזער לאַנד און אָפּהיטן אונזערע געזעצן. מיר לאַדן אייך איין צו געניסן פון דער בירגערשאַפט נאָכדעם ווי איר זייט באַקאַנט געוואָרן מיט די פליכטן און פּריווילעגיעס.

די פרייהייטן וועלכע אונזערע עלטערן האָבן אויסגעקעמפט וועלן מיר מיט פאַרגעניגן טיילן מיט אייך, אָבער מיר בעטן אייך צו געדענקען אַז פרייהייט מיינט ניט געזעצלאָזיקייט. אמת'ע פרייהייט אַזוי ווי מיר באָטן אייך אָן אין דעם לאַנד מיינט פרייהייט צו געניסן אַלע רעכט און ברכות וועלכע איר באַ-קומט בלויז אַזוי לאַנג ווי איר שטערט ניט די רעכט און דעם וואוילזיין פון אַנדערע. דאָס איז אַ פריי לאַנד, אָבער עס גיט אייך ניט די פרייהייט צו שעדיקן אַנדערע מענטשן. דאָס איז דאָס לאַנד פון גלייכע געלעגנהייטן פאַר אַלעמען. מיר באָטן אייך אָן די גלייכע מעגליכקייטן.

ען ראדזשערס מיינאר
(מרס. דזשאָרדזש מעינארד מיינאָר)
גענעראַל-פרעזידענט (1920-1923)

וואטערפאָרד, קאָנעטיקוט, 1920.



די היים פון דער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט „די טעכטער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע"
מעמאָריאַל קאָנטינענטאַל האָל, מיט דער אַדמיניסטראַציע געביידע און קאָנסטיטושאָן האָל אין הינטערגרונד

באגריסונג:

די נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט פון די טעכטער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע האָט די פריווילעגיע אייך צו פרעזענטירן מיט דעם האַנט-בוך פאַר בירגערשאַפט. מיר האָפן אַז די אינפאָרמאַציע וואָס ווערט דאָ געגעבן וועט אייך באַהילפיק זיין אין איינאָרדענען אייער לעבן אין אַ ניי לאַנד.

מיר טיילן אַן אַלגעמיינעם צובונד מיט אייך מחמת אונזער אָפּשטאַמונג פון מענטשן וואָס זיינען געקומען אין דעם לאַנד מער ווי אָנדערהאַלבן יאָר־הונדערט צוריק, זוכנדיק דיזעלבע פרייהייט וועלכע איר זוכט איצט.

מיר האָפן אַז אַ דאַנק די פריווילעגיעם וועלכע מיר אַלע געניסן וועלן מיר זיין פאַראייניקט אין אָפּהיטן מיט אומפעלבאַרער געטריישאַפט די פרייהייט און זיכערקייט וואָס דאָס גרויסע לאַנד אַמעריקע גיט אונז אַלעמען. מיר ווינשן אייך פיל גליק!

עסטעלא א. אָ׳בוירן
מרס. ראָסקאָו סי. אָ׳בוירן
גענעראַל-פרעזידענט, נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט
טעכטער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע.

די קעפּיטאָל געביידע פון די פאראייניקטע שטאטן, וואשינגטאן, ד. ק.
דא ווערן געמאכט די געזעצן פון לאנד.

די אנטוויקלונג פון פרייהייט

דער גערדאַנק פון פרייהייט איז זייער אַלט. מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָט געלעבט אין די וועלדער פון צפון אייראָפּע אַ פאָלק וואָס האָט געהייסן די טוטאָנען. זיי זיינען געווען פריי און אומאָפּהענגיק. זיי האָבן אויסגעוויילט זייערע עלטסטע דורך אַן אָפּשטימונג. זיי האָבן רעספּעקטירט פרויען און געגלויבט אין הימען. אייניקע פון די שבטים האָבן געהייסן אנגלען און זאַקסן. פילע פון זיי האָבן אויסגעוואַנדערט אין דעם לאַנד וואָס הייסט איצט ענגלאַנד און זיך דאָרטן באַזעצט. זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך זייער ליבע פאַר פרייהייט, אָבער פילע קעניגן האָבן זיי שלעכט באַהערשט.

אין יאָר 1215 נ. ק. האָט ענגלאַנד געהאַט אַ קעניג מיט דעם נאָמען קעניג דזשאָן. ער האָט פאַרשאַפט זיין פאָלק פיל ליידן דורך זיין געמיינהייט און גרויזאַמקייט. האָבן די פירער פון דעם פאָלק אָנגעשריבן אַ פּאַפּיר צום קעניג אין וועלכן עס זיינען אָנגעוויזן געוואָרן די רעכט פון דעם פאָלק. זיי זיינען געווען פאָלגענדע: קיין מענטש זאָל ניט ארעסטירט ווערן אָדער אַוועקגעריסן ווערן פון זיין היים סיידן דורך אַ געזעצליכן פּראָצעס; יעדער מענטש זאָל האָבן דאָס רעכט צו אַפּעלירן צום געזעץ און צו האָבן אַ פּראָצעס פון געריכט-געשוואָרענע (דזשורי); דאָס פאָלק זאָל ניט באַשטייערט ווערן אָן דער צושטימונג פון די יעניקע וואָס האָבן אים פאַרטראָטן. דער אָפּמאַך האָט געהייסן די „מאַגנאַ קאַרטאַ" אָדער דער גרויסער דאָקומענט. געזעץ איז עטאַבלירט געוואָרן אַלס די העכסטע מאַכט. אפילו דער קעניג איז ניט געווען העכער פון געזעץ.

איז פאַרלויף פון דער צייט האָבן די קעניגן פאַרגעסן וועגן דער „מאַגנאַ קאַרטאַ", האָט מען געמוזט אויסשטעלן אַ נייעם אָפּמאַך. דאָס האָט געהייסן פעטיציע פון רעכט. נאָך דער „מאַגנאַ קאַרטאַ" איז די פעטיציע פון רעכט דער וויכטיקסטער דאָקומענט אין דער געשיכטע פון דער אנטוויקלונג פון פרייהייט. נאָך אַמאָל איז אַן ענגלישער קעניג, קאַרל דער ערשטער, באַשטאַנען אַז דער קעניג האָט די גאַנצע מאַכט און דאָס פאָלק גאָרניט. נאָך אַמאָל איז דאָס פאָלק באַשטאַנען, דורך זיינע אויסגעוויילטע פאַרטרעטער, אַז דער קעניג זאָל צוזאָגן: 1) ניט צו באַשטייערן דאָס פאָלק אָן דער צושטימונג פון דעם פּאַרלאַמענט, וואָס איז געגליכן צו אונזער קאָנגרעס; 2) ניט צו אַרעסטירן מענטשן ניט אָנגעבנדיק די סיבה; 3) ניט איינצוקוואַרטירן סאָלדאַטן אין די היימען פון דער באַפעלקערונג; 4) עס זאָלן ניט פאָרקומען קיין פּראָצעסן דורך קריגס-געזעץ, דאָס הייסט אָן אַ דזשורי. דער קעניג האָט ניט

געוואָלט די פעטיציע פון רעכט, אָבער ער איז געווען געצוואונגען צוצושטימען דערצו. דאָס האָט פּאַסירט אין 1629.

בעת דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין ענגלאַנד, זיינען דערווייל מענטשן ביסלעכווייז געפאָרן קיין אַמעריקע אויסשטייענדיק גרויסע שוועריקייטן און קרבנות כדי צו אַנטלויפן פון פאַרפאָלגונג. זיי זיינען געוואָרן די גרינדער פון דער אַמעריקאַנער פרייהייט. זיי האָבן ניט פאַרגעסן די „מאַגנאַ קאַרטאַ" און די פעטיציע פון רעכט, ווי מען קען זען ווען מ'שטודירט די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין ענגלאַנד האָט דעמאָלט געלעבט אַ מענטש מיט'ן נאָמען דזשאָן לאָק, וואָס איז געווען טיף פאַראינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג פון פרייהייט און די רעכט פון דעם פאָלק. ער האָט געשריבן וועגן דעם. ער האָט געזאָגט אַז יעדער מענטש באַזיצט דאָס רעכט צום לעבן, צו פרייהייט, און צו פאַרמאָגן אייגנטום. כדי צו פאַרזיכערן אַז מענטשן וועלן האָבן די רעכט מוז עטאַבלירט ווערן אַ רעגירונג. ער האָט אויך געזאָגט אַז די רעגירונג מוז פאַרזיכערן יעדן מענטשן זיין פרייהייט, דאָס רעכט צו זיין לעבן און צו זיין אייגנטום, אויב ער האַלט זיך נאָר אין די ראַמען פון געזעץ. עס זיינען אויך געווען אַנדערע מענטשן וועמעס ביכער האָבן געהאָלפן דעם פאָלק פאַרשטיין די אמת'ע באַדייטונג פון פרייהייט. ווען אונזערע עלטערן האָבן אָנגעשריבן די קאָנסטיטוציע האָבן זיי געקראָגן פיל הילף פון די שריפטן.

אויב איר זאָלט זיך צוהערן מיט נשמה קענט איר הערן די שטימע פון פרייהייט דורך די יאָר-הונדערטער ביז צום היינטיקן טאָג וועלכע גרייכט צו אייך וואָס ווילט ווערן אַ בירגער פון דעם פרייען לאַנד. פרייהייט איז קיינ־מאָל ניט געשענקט געוואָרן צו מענטשן אָדער פעלקער, מ'האָט עס געדאַרפט געווינען, און מ'מוז עס אויפהאַלטן דורך שטענדיקער איבערגעבנקייט. גלויבט איר אין דער פרייהייט און אין דעם לאַנד? אויב יאָ, וועט איר קיינ־מאָל ניט האַלטן מיט שלעכטסקייט און גרויזאַמקייט. איר וועט קעמפן, אויב נויטיק, אַז דאָס לאַנד, אייער לאַנד, די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, זאָל בלייבן שטאַרק און פריי.

דער אָנהויב פון אַמעריקע

די קאָלאָניזאַציע פון דעם לאַנד, שפּעטער באַקאַנט אַלס אַמעריקע, הויבט זיך אָן מיט דער אַנטדעקונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון קריסטאָפער קאָלאָמבוס אין 1492. אַנדערע רייזענדע האָבן געלאַנדעט אויף דעם קאָנ־טינענט, אָבער עס האָט זיך ניט געשאַפן קיין ישוב פון זייערע רייזעס. די הוצאות פאַר קאָלאָמבוס'עס רייזעס (ער האָט געמאַכט עטליכע רייזעס) זיינען געדעקט געוואָרן דורך קעניגין איזאַבעלאַ פון שפּאַניע.

איבער הונדערט יאָר זיינען אַוועק איידער אמת'ע תושבים זיינען געקומען קיין אַמעריקע. די תושבים האָט מען גערופן קאָלאָניסטן און די ערטער וואו זיי האָבן זיך באַזעצט האָט מען גערופן קאָלאָניעס. פון די קאָלאָניעס איז שפּעטער ארויסגעקומען די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

די מערסטע קאָלאָניסטן זיינען געקומען פון ענגלאַנד. דער קעניג פון ענגלאַנד איז געווען זייער הערשער אפילו נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין גע־קומען קיין אַמעריקע. די ענגלישע שפּראַך איז געוואָרן די שפּראַך פון דעם לאַנד. די האָלענדער פון האָלאַנד האָבן זיך באַזעצט אין דער געגנט וואָס איז איצט ניו־יאָרק, די שוועדן אין דעלעווער, פילע דייטשן זיינען געקומען קיין פּענסילווייניע. שאָטלענדער און אירלענדער האָבן זיך געפונען אין אַלע קאָלאָניעס.

די ענגלענדער האָבן איינגעאָרדנט זייער ערשטן פּערמאַנענטן ישוב אין דזשיימסטאַון, ווירדזשיניע, אין 1607. זיי זיינען אַריבערגעפאָרן דעם אַטלאַנטיק אין ווינטער־צייט אין דריי קליינע שיפלאך וועלכע האָבן געהייסן: „סאָרא קאָנסטאַנט", „גאָדספּיד", און „דיסקאָווערי". די שיפלאך האָבן געפירט הונדערט און פינף קאָלאָניסטן אונטער דער פירערשאַפט פון קאַ־פּיטאַן קריסטאָפער ניופּאָרט. שפּעטער, נאָך זייער לאַנדונג, זיינען די קאָ־לאָניסטן אָנגעפירט געוואָרן פון דעם העלדישן און באַרימטן קאַפּיטאַן דזשאָן סמיט. עס האָט זיי געדויערט פיר חדשים צייט אַריבערצופאָרן דעם ים. די ווינטער שטורעמס האָבן זיי אַרומגעשליידערט. זיי האָבן געליטן אַ סך שוועריקייטן. ענדליך, דעם 26טן אַפּריל, האָבן זיי דערגרייכט די ברעגעס פון ווירדזשיניע און זיינען געפאָרן נאָך הונדערט מייל ווייטער אַריבער דעם טשעסאַפּיק בעי און אַרויף דעם דזשיימס טייך, זוכנדיק אַ גוטן פּלאַץ צו לאַנדן און גרינדן אַ ישוב. דעם 13טן מאַי האָבן זיי געפונען אַ פּלאַץ זיך צו באַזעצן און האָבן עס אַ נאָמען געגעבן דזשיימסטאַון, נאָך קעניג דזשיימס פון ענגלאַנד. זיי האָבן זיך דאָרטן באַזעצט און גלייך צוגעטראָטן צו עטאַבלירן זייער רעגירונג.

קיינער האָט ניט געוואוינט אויף דעם לאַנד, חוץ אומציוויליזירטע אינ־דיאַנער און ווילדע חיות. עס זיינען ניט געווען קיין שטעט אָדער דערפער אָדער הייזער. עס זיינען געווען בלויז געדיכטע וועלדער און זומפּן און אַ ברייטער טייך. עס איז געווען אין אָוונט, און אין אַן אַלייע פון גרויסע ביימער האָבן די רייזענדע אונטערגעהאַקט אַ בוים און באַנוצט זיין שטאַם פאַר אַן אַלטאַר. זיי האָבן צוגעבונדן אַ צעריסענעם זעגל פון אַ שיף צו די צווייגן פון אַ בוים איבער דעם אַלטאַר אַלס אַ צודעק און אָפּגעהאַלטן אַ רעליגיעזע דינסט.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער פּערמאַנענטער ענגלישער ישוב אין אַמעריקע מיט דער פאָרמירונג פון אַ רעגירונג און רעליגיעזע דינסט.

אין גיכן האָבן זיך אָנגעפאַנגען שוועריקייטן און ליידן פאַר די קאָלאָניסטן. זיי האָבן אויסגעפונען אַז בלויז דורך שווערער אַרבעט וועלן זיי דאָ קענען לעבן. זיי מוזן אויסהאַקן ביימער, אָפּרייניקן דאָס לאַנד, באַאַרבעטן די ערד און פאַרזעצן קאָרן. זיי האָבן ניט מיטגעבראַכט מיט זיך קיין פרויען און קינדער אויף זייער ערשטער רייזע זיי צו העלפן בויען היימען. אין גיכן האָט זיך אויסגעשעפּט ביי זיי די שפּייז וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון ענגלאַנד; פון אָנפאַנג איז ניט געוואַקסן גענוג קאָרן צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן. דאַן איז געקומען אַ צייט פון שרעקליכן הונגער. עס איז פאַרבליבן פאַרצייכענט אַלס „די צייט פון הונגער". פילע זיינען אויסגעשטאָרבן. אַנדערע זיינען אויסגעהרג'עט געוואָרן פון אינדיאַנער. אין גרויס פאַרצווייפלונג האָבן די קאָלאָניסטן זיך געגומען קלייבן אויף אומצוקערן זיך אין זייער אַלטער היים; זיי האָבן זיך געלאָזט פאָרן אַרונטער מיט'ן דזשיימס טייך; ביים אויסגוס פון טייך האָבן זיי באַגעגנט אַ שיף מיט שפּייז פון ענגלאַנד. זיי זיינען געראַטעוועט געוואָרן, און דזשיימסטאַון איז אויפגעריכט געוואָרן פון יענער צייט אָן. אַנדערע קאָלאָניעס זיינען באַלד געגרינדעט געוואָרן. נאָך קאָלאָניסטן זיינען געקומען פון ענגלאַנד. עס איז עטאַבלירט געוואָרן די גרויסע קאָלאָניע ווירדזשיניע. אין 1619 האָבן די קאָלאָניסטן אָפּגעהאַלטן די ערשטע רעפּרעזענטאַטיווע אַסעמבלי אין אַמעריקע. יעדער ישוב האָט ערוויילט צוויי מענער אַלס פאָרשטייער אין דער אַסעמבלי. די פאָרשטייער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין דזשיימסטאַון און אויסגעאַרבעט די געזעצן פאַר דער קאָלאָניע. די ענגלענדער האָבן געגלויבט אין רעגירונג דורך דעם פאָלק און האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך זייערע געזעצן און זייערע פרייע אינסטיטוציעס.

דער צווייטער פּערמאַנענטער ישוב פון די ענגלענדער איז עטאַבלירט געוואָרן אין פּלימוט, מאַסאַטשוזעטס, אין 1620, דורך די „פּילגרים פאָטערס."

זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע ווייל זיי האָבן געוואָלט די פרייהייט צו דינען גאָט לויט זייער אייגענעם געוויסן. דאָס האָבן זיי ניט געקענט טאָן אין ענגלאַנד. זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון פּלימוט, ענגלאַנד, אין אַ קליין שיפל וואָס האָט געהייסן „מעיפלאַוער". אין אַ קאַלטן דעצעמבער טאָג האָבן זיי געלאַנדעט אויף דעם פעלזיקן ברעג פון ניו-ענגלאַנד. עס זיינען דאָרטן ניט געווען קיין ווייסע מענטשן זיי צו באַגריסן. זיי האָבן אויסגעבויט הילצערנע הייזלאך פאַר זייערע פרויען און קינדער. דאָס לעבן איז געוואָרן זייער שווער פאַר זיי אין פאַרלויף פון די יאָרן וואָס האָבן נאָכגע-

פאלגט. אבער זיי זיינען געווען גרייט צו ליידן אזוי לאנג ווי זיי האבן גע־קענט דינען גאט אויף זייער אייגענעם שטייגער. זיי האבן געגלויבט באמונה שלימה אז גאט איז זייער וועגווייזער. דער גלויבן האט זיי געשטארקט גע־נוג צו קענען פארטראגן זייערע צרות. אמעריקע וועט שטענדיק ערן דעם אנדענק פון די פילגרימען ווייל זיי האבן געבראכט אהער די ליבשאפט פאר פרייהייט; ווייל זיי האבן געליטן כדי צו פארזייען די קערנער פון זייער ליב-שאפט אין אמעריקע. יענע ליבשאפט פאר פרייהייט האט געמאכט אמעריקע גרוים און פריי.

לאמיר שטודירן די אידייע פון פרייהייט וואס די פילגרימען האבן געהאט. זיי האבן געגלויבט אז דאס פאלק האט דאס רעכט און די מאכט צו באשטי־מען די געזעצן. זיי האבן געגלויבט אז די געזעצן דארפן געמאכט ווערן פאר דעם אלגעמיינעם וואוילזיין—לטובת הכלל. זיי האבן געגלויבט אז יעדער איינער דארף אויספאלגן די געזעצן, ווייל דאס פאלק אליין האט זיי באשאפן. אמת'ע פרייהייט רעספעקטירט די רעכט פון אנדערע. די פיל־גרימען זיינען געקומען קיין אמעריקע צו האבן די דאזיקע פרייהייט. זיי האבן געליטן אלערליי צרות ווייל זיי האבן ניט געוואלט פארלירן די דאזיקע פרייהייט.

ענגלאנד האט געהאט דרייצן קאלאניעס אויף דעם אטלאנטישן ברעג, וועל־כע זיינען געוואקסן און זיך אנטוויקלט במשך פון הונדערט און פופציק יאר.

א סך געזעצן פאר די קאלאניעס זיינען אנגענומען געווארן דורך דעם ענגלישן פארלאמענט. די קאלאניעס זיינען ניט געווען פארטראטן אין דעם ענגלישן פארלאמענט. די קאלאניסטן האבן געהאלטן אז עס איז ניט יושר'־דיק צו דארפן אויספאלגן געזעצן וועלכע זיינען אויף אזא אופן באשאפן געווארן אן זייער צושטימונג. ווען דזשארדזש דער דריטער איז געווען קעניג האט ער פרובירט הערשן איבער ענגלאנד און אמעריקע ווי א דיק־טאטאר. די קאלאניסטן האבן רעוואלטירט.

די מלחמה פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע האט זיך אנגעפאנגען אין אפריל, 1775. די קאלאניסטן האבן געקעמפט זיבן ביטערע יאר. דזשארדזש וואשינגטאן איז געווען זייער גרויסער פירער. ער ווערט גערופן „דער פאטער פון זיין לאנד". לאפאיעט און ראשעמבאו האבן געהאלפן די אמע־ריקאנער. זיי זיינען געקומען פון פראנקרייך. שפעטער האט פראנקרייך געשיקט אן ארמיי און א פלאטע צו העלפן. באראן סטויבען, א דייטש, דע קאלב, א באווארער, און קאסקיוסקא, א פאליאק, האבן געקעמפט צו־זאמען מיט די קאלאניסטן.

אומאפהענגיקייט איז ענדליך געוואונען געווארן פון ענגלאנד און שלום

איז איינגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1783. די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז געווען אַ מלחמה וואָס איז אויסגעקעמפט געוואָרן כדי צו פּרעזערווירן די פּרינציפּן פון די קאָלאָניאַלע רעגירונגען; זי איז אויסגעקעמפט געוואָרן כדי אָנצוהאַלטן די פרייהייטן פון די קאָלאָניסטן וואָס דזשאָרדזש דער דריטער האָט געוואָלט פון זיי אַוועקנעמען. אַמעריקאַנער פאַרדאַמען דעם כאַרט רעוואָלוציע וואָס פאַרניכטעט און שטירצט, וואָס מאָרדעט, רייבט און פאַרברענט.

דער זיג האָט געגעבן די קאָלאָניסטן די פרייהייט צו עטאַבלירן אַ נאַציאָנאַלע רעגירונג פאַר דעם גאַנצן לאַנד אויף די פונדאַמענטן וועלכע זיינען שוין פריער געלייגט געוואָרן. עס האָט טראַנספאָרמירט די דרייצן באַזונדערע קאָלאָניעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע אונטער דער קאָנסטיטוציע. דאָס איז די באַדייטונג פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע.

די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט

די דעקלאַראַציע איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון די דרייצן שטאַטן פון אַמעריקע. עס איז אָנגענומען געוואָרן פון דעם קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס דעם 4טן יולי, 1776, ביי אַ זיצונג אין „אינדעפּענדענס האָל", פילאַדעלפיע, פּענסילווייניע. די דעקלאַראַציע הויבט זיך אָן מיט אָנגעבן די אורזאַכן וואָס האָבן געצוואונגען די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען בלויז דרייצן אין צאָל, זיך אָפּצוטיילן פון דעם מוטער־לאַנד, ענגלאַנד.

„מיר האַלטן אָט די אמת'ן אַלס זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַלע מענטשן זיינען באַשאַפן געוואָרן גלייך, אַז זיי זיינען באַשאָנקען געוואָרן דורך זייער באַשעפער מיט געוויסע אומבאַשטרייטבאַרע רעכט, אַז צווישן זיי זיינען דאָס רעכט אויף לעבן, פרייהייט און דאָס שטרעבן נאָך גליק. כדי צו פאַרזיכערן די רעכט, זיינען איינגעשטעלט געוואָרן רעגירונגען צווישן מענטשן וועלכע קריגן זייער בארעכטיקטע מאַכט דורך דער צושטימונג פון די וועלכע ווערן רעגירט, ווען אירגענד וועלכע פאָרם פון רעגירונג זוכט צו פאַרניכטן די צילן, איז עס דאָס רעכט פון דעם פאָלק צו ענדערן אָדער אָפּשאַפן די רעגירונג, און עטאַבלירן אַ נייע רעגירונג".

1. אַלע מענטשן זיינען געבוירן גלייך. גאָט האָט געגעבן די מענטשן געוויסע רעכט וועלכע קענען ניט אַוועקגענומען ווערן פון זיי. די וויכטיקסטע פון די רעכט זיינען: לעבן, פרייהייט, און דאָס רעכט צו זיין גליקליך.

2. כדי צו פאַרזיכערן די רעכט עטאַבלירן די מענטשן רעגירונגען. די רעגירונגען קריגן זייער מאַכט דורך די מענטשן וואָס האָבן זיי עטאַבלירט.

3. די דעקלאַראַציע זאָגט ווייטער אַז דער איצטיקער קעניג פון ענגלאַנד,

דזשארדזש דער דריטער, האט זיך אנטזאגט גוטצוהייסן געזעצן פאר דעם וואוילזיין פון דעם פאלק.

4. די פאלגענדע זיינען איניקע פון די אומגערעכטיקייטן וועלכע זיינען ארויפגעצוואונגען געווארן אויף דער באפעלקערונג פון די פאראייניקטע שטאטן וואס ווערן דערמאנט אין דער דעקלאראציע פון אומאפהענגיקייט:

דער קעניג האט געמאכט די ריכטער פאראנטווארטליך בלויז צו זיך אליין בנוגע זייער אמט און זייער געהאלט, אזוי אז די באפעלקערונג פון די שטאטן האט גארניט געקענט זאגן וועגן זייערע אייגענע געריכטן.

ער האט אויפגעהאלטן אין דעם לאנד באשטענדיקע ארמייען אן דער צושטימונג פון די שטאטן.

ער האט אפגעשניטן דעם האנדל פון די שטאטן מיט אנדערע טיילן פון דער וועלט כדי זיי זאלן בלויז דארפן האנדלען מיט ענגלאנד. דאס האט געשאפן גרויסע שוועריקייטן אין לאנד.

ער האט דערקלערט אז בלויז ער האט די מאכט צו שאפן געזעצן פאר די שטאטן.

ער האט ארויפגעצוואונגען שטייערן אן דער צושטימונג פון דעם פאלק.

נאך א סך אנדערע אומגערעכטיקייטן און טיראנישע שריט ווערן אויסגערעכנט אין דער בארימטער דערקלערונג.

די דעקלאראציע פון אומאפהענגיקייט זאגט ווייטער אז דאס פאלק פון די פאראייניקטע שטאטן האט, אין די העפליכסטע טערמינען, געבעטן אויסלייזונג פון די אומגערעכטיקייטן אבער דער איינציקער ענטפער איז געווען ווייטערדיקע אומגערעכטיקייטן. עס איז דעריבער קיין אנדער אויסוועג ניט געבליבן ווי צו באפרייען די שטאטן פון זייער געטריישאפט צו דער ענגלישער קרוין. פאלגענד איז די נאבעלע דערקלערונג וואס איז געמאכט געווארן פון די פארטרעטער פון די פאראייניקטע שטאטן אין דעם קאנטינענטאלן קאנגרעס:

„מיר, דעריבער, די פארטרעטער פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, פארזאמעלט אין א גענעראל קאנגרעס, אפעלירן צום העכסטן ריכטער פון דער וועלט פאר רעכטפערטיקונג פון אונזערע צילן, אנאנסירן און דערקלערן פייערליך אין דעם נאמען און דורך דער אטאריטעט פון דעם גוטן פאלק פון די פאראייניקטע קאלאניעס, אז די פאראייניקטע קאלאניעס זיינען, און מיט רעכט דארפן זיין, פרייע און אומאפהענגיקע שטאטן; אז זיי זיינען באפרייט פון יעדער געטריישאפט צו דער ענגלישער קרוין, און אז אלע פאליטישע פארבינדונגען צווישן זיי און דעם שטאט פון גרויס-בריטאניע איז און דארף זיין פולשטענדיק אויפגעלייזט; און אז אלס פרייע

און אומאָפּהענגיקע שטאַטן באַזיצן זיי די פולע מאַכט צו פירן מלחמה, שליסן שלום, איינשטעלן פאַרבינדונגען, עטאַבלירן האַנדל, און דורכפירן אַלע אַנדערע אַקטן און טאַטן וועלכע אומאָפּהענגיקע שטאַטן זיינען בארעכ־טיקט צו טאָן. און אַלס אונטערשטיצונג פון דער דעקלאַראַציע, מיט פעסטן פאַרטרויען אויף דער שוץ פון געטליכער השגחה, פאַרפליכטן מיר זיך געגנ-זייטיק איינע די אַנדערע מקריב צו זיין אונזערע לעבנס, אונזערע פאַרמעגנס און אונזער ערע."

די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיגקייט איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון אַלע זעקס און פופציק מיטגלידער פון דעם קאָנגרעס.

מענטשן זיינען פריי ווייל זיי זיינען די קינדער פון גאָט. אין שייכות דער־מיט זיינען זיי גלייך און באַשאַנקען מיט ערע און מענטשליכן ווערט וואָס קיין רעגירונג קען עס ניט אַוועקנעמען פון זיי. דערפאַר ווייל אַלע זיינען קינדער פון איין באַשעפער זיינען זיי ברידער, און זיי זיינען פאַרפליכטעט צו געבן געגנזייטיקע הילף איינער דעם אַנדערן.



אינדעפּענדענס האָל

אויף טשעסטנאט סטריט אין פילאַדעלפיע, אין דעם שטאַט פּענסילווייניע, שטייט אַן איינפאַכע, אַלטע ציגעלנע געביידע מיט אַ טורעם. אין דער געביידע האָט זיך אָנגעפאַנגען אַמעריקע׳ס פרייהייט. דאָ איז דזשאָרדזש וואַשינגטאָן באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי וואָס האָט געקעמפט און געוואונען די מלחמה פון דער רעוואָלוציע. די דעקלאַראַציע פון אומאפהענגיקייט איז דאָ גוטגעהייסן געוואָרן און איז געלייענט געוואָרן פון די טרעפּ פון דער געביידע צו די פאַרזאַמעלטע וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער געביידע און זיך געפרייט צו הערן די דעקלאַראַציע. דאָ האָבן אונזערע פּאַטריאָטישע עלטערן אָנגעשריבן און אונטערגעצייכנט דעם דאָקומענט פון אונזערע פרייהייטן, די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָ קען מען זען דעם פרייהייטס-גלאָק וועלכער האָט אויסגעקלונגען די נייעס וועגן דער פרייהייט. אינדעפּענדענס האָל איז א הייליקטום פאַר אַמעריקאַנער.

די פאָן פון די פאראייניקטע שטאטן

די פאָן פון די פאראייניקטע שטאטן ווערט אָפטמאָל באצייכנט אַלס די „סטאַרס און סטרייפּס" (די שטערן און שטרייפן). זיבן רויטע און זעקס ווייסע שטרייפן רעפּרעזענטירן די דרייצן אָריגינעלע שטאטן; א פעלד פון בלוי מיט 48 שטערן רעפּרעזענטירט די פאראייניקונג פון די 48 שטאטן, פאר יעדן שטאט וואָס איז אריינגענומען געוואָרן אין דער פאראייניקונג איז צוגעשטעלט געוואָרן א שטערן צו דעם פעלד.

„מיר נעמען די שטערן און די בלויע פאראייניקונג פון דעם הימעל, רויט נעמט זיך פון אונזער מוטער־לאַנד, אָפּטיילנדיק עס דורך ווייסע שטרייפן, דערמיט וויזן מיר אַז מיר האָבן זיך אָפּגעטיילט פון איר, און די ווייסע שטרייפן וועלן פאַרבלייבן פאר צוקונפטיקע דורות אַלס סימבאָל פון פריי־הייט", האָט געזאָגט דזשאָרדזש וואשינגטאָן וועגן דער פאָן וואָס ער האָט געהאָלפן באשאפן פאר דעם פאָלק. אפילו נאָך איידער די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט איז אונטערגעשריבן געוואָרן האָט מען שוין געמאכט פּלענער וועגן דער פאָן. זי איז אַדאָפּטירט געוואָרן דורך דעם קאָנגרעס פון די פאראייניקטע שטאטן דעם 14טן יוני, 1777, דורך דער פאָלגנדער רעזאָלוציע:

„באַשטימט, אַז די פאָן פון די פאראייניקטע שטאטן זאָל באַשטיין פון דרייצן שטרייפן, רויט און ווייס געוועקסלט; אַז די פאראייניקונג זאָל באַשטיין פון דרייצן שטערן, ווייס אויף א בלוי פעלד, וואָס זאָל מיט זיך פאָרשטעלן א צוזאמענשטעל פון שטערן."

א נייער שטערן איז אויפגעגאנגען און זיין גאנצער גלויבן און אַלע האָפ־נונגען זיינען סימבאָליזירט אין דער פאָן.

ווען די פאָן ווערט פאַרבייגעפירט דאַרף מען איר ערן דורך בלייבן שטיין שטיל אָדער סאַלוטירן—מענער נעמען אראָנטער זייערע היטלען; פרויען לייגן אַרויף די האנט אויף דעם האַרצן; מענטשן אין אוניפאָרם סאַלוטירן דורך אויפהייבן די רעכטע האנט צום היטל.

פונקט אַזוי ווי עס זיינען פאראַן רעגולאַציעס וועגן העפליכקייט צווישן מענטש און מענטש, אַזוי זיינען אויך פאראַן רעגולאַציעס וועגן העפליכקייט צו ערן אונזער לאַנד און די אידעאַלן וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר.

אַלטע, צעריסענע און פאַרשמירטע פלאַגן דאַרפן פאַרברענט ווערן, זיי דאַרפן קיינמאָל ניט געלאָזט ווערן זיך אומצואוואַלגערן אָדער אוועקגעוואָרפן ווערן. די פאָן טאָר קיינמאָל ניט אָנרירן די ערד, נאָר דאַרף פלאַטערן פריי

און אַנזעעוודיק. זי טאָר ניט באַנוצט ווערן אויף צו באַהענגען אָדער פאַר דעקאָראַציעס.

די פאָן דאַרף זיך שטענדיק געפינען אין אַן ערן־פּלאַץ—צו רעכטס אָדער אין פאָראויס פון אַנדערע פלאַגן אין אַ פּראָצעסיע; צו רעכטס פון דעם רעדנער אויף אַ פּלאַטפאָרמע אָדער מיט׳ן פּנים צום עולם; צו רעכטס פון דעם עולם אויב עס שטייט אויף דערזעלבער פלאַך מיט דעם עולם.

ווען אַ פאָן הענגט אויף אַ העלפט פון דעם שטאַנג איז עס אַ צייכן פון טרויער. ביים הענגען די פאָן אויף אַ העלפט פון דעם שטאַנג, דאַרף זי פריער אַרויפגעצויגן ווערן ביז צום שפּיץ און דערנאָך אַראָפּגעלאָזט ווערן ביז צו דער העלפט פון דעם שטאַנג.

די פאָן דאַרף אַרויסגעהאָנגען ווערן ביי זון אויפגאַנג און אַרונטערגעצויגן ווערן ביי זון אונטערגאַנג. זי פלאַטערט כסדר איבער דער „קעפּיטאָל" געביידע און ווערט בלויז אַרונטערגעצויגן ווען מען דאַרף איר איבערבייטן אויף אַ נייער. די פאָן פלאַטערט איבער ביידע הייזער פון קאָנגרעס ווען זיי האַלטן אָפּ זייערע סעסיעס, און איבער דעם ווייסן-הויז ווען דער פּרעזידענט געפינט זיך אין דער היים. בעת מלחמה־צייט מעג די פאָן הענגען כסדר.

די פאָן איז דער סימבאָל פון דער ערע פון דער מענטשהייט אַלס קינדער פון גאָט, פון גלייכע רעכט און יושר און פרייהייט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

די פאָן ווערט אָפט מיט ליבשאַפט באַצייכנט אַלס „אָלד גלאָרי".

דורך וועמעס אָטאָריטעט איז די פאָן אַדאָפּטירט געוואָרן אַלס דער אָפּי־ציעלער עמבלעם פון אונזער לאַנד?

ווען איז די פאָן אַדאָפּטירט געוואָרן?

קענט איר שילדערן ווי די פאָן זעט אויס?

ווי אַזוי דאַרף מען סאַלוטירן די פאָן ווען זי ווערט פאַרבייגעפירט?

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די פאָן?

אָנווייזונגען

1. דערלויבט ניט קיינעם אַרויסצואווייזן קיין דיסרעספּעקט צו דער פאָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.
2. בויגט ניט איין די פאָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו קיין פּערזאָן אָדער געגנשטאַנד. די פאָן פון דעם רעגימענט, שטאַט, אָרגאַניזאַציע אָדער אינסטיטוציע וועט צוטיילן דעם כבוד.
3. הענגט ניט אַרויס די פאָן מיט די שטערן אויף אַראָפּ, סיידן אַלס סיגנאַל פון אַן אומגליק.

4. הענגט ניט אַרויס קיין אַנדער פאָן אָדער באַנער איבער דער אַמעריקאַנער פאָן, אָדער, אויב אויף דערזעלבער פלאַך, צו רעכטס פון דער פאָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.
5. לאָזט ניט די פאָן זאָל באַרירן די ערד אָדער דעם דיל, אָדער זאָל זיך נאָכשלעפּן אין וואַסער.
6. שטעלט ניט קיין זאַך אָדער עמבלעם אויף אָדער העכער פון דער פאָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.
7. באַנוצט ניט די פאָן פאַר דעקאָראַציע. נוצט טוך פון בלויען, ווייסן און רויטן קאָליר.
8. באַפעסטיקט ניט די פאָן אויף אַזאַ אופן אַז זי זאָל קענען לייכט צעריסן ווערן.
9. וויקלט ניט אַרום די פאָן אַרום דעם פאָדערשטן, אויבערשטן, זייטיקן אָדער הינטערשטן טייל פון אַן אַטאָמאָביל, אייזנבאַן אָדער שיף. ווען די פאָן ווערט געוויזן אויף אַן אַטאָמאָביל, דאַרף דער שטאַנג זיין צוגעפעסטיקט צום „טשעסיס" (קערפּער) אָדער צום דעקל פון ריידיאייטאָר.
10. הענגט ניט אַרויס די פאָן אויף אַ „פלאָוט" אין אַ פּאַראַד, סיידן די פאָן הענגט אויף אַ שטאַנג.
11. נוצט ניט די פאָן אַלס צודעק פאַר אַ סטעליע.
12. טראָגט קיינמאָל ניט די פאָן פלאַך אָדער האָריזאָנטאַל, נאָר שטענדיק אין דער הויך און פריי.
13. נוצט ניט די פאָן אַלס טייל פון אַ קאָסטיום אָדער פון אַן אַטלעטישער אוניפאָרמע.
14. טוט ניט אַרויף קיין שום בוכשטאַבן אויף דער פאָן.
15. באַנוצט ניט די פאָן אין קיין שום פאָרם פון רעקלאַמע און טשעפּעט ניט צו קיין שום אַנאָנסן צום שטאַנג פון וועלכן די פאָן פלאַטערט.
16. די פאָן זאָל ניט אַרויסגעהאַנגען ווערן, באַנוצט ווערן אָדער באַהאַלטן ווערן אויף אַזאַ אופן אַז זי זאָל קענען לייכט פאַרשמירט אָדער געשעדיקט ווערן.

ווען די פאָן איז אויסגעטראָגן אָדער פאַרשמירט און מער ניט פּאַסענד גענוצט צו ווערן, דאַרף מען זי פאַרברענען.



די שבועה פון טרייהייט

„איך שווער טרייהייט צו דער פאָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמע-ריקע און צו דער רעפּובליק פון וועלכער זי איז דער סימבאָל; איין נאַציע, אומצוטיילבאַר, מיט פרייהייט און גערעכטיקייט פאַר אַלעמען".

אַ שבועה איז אַ הייליקער פאַרשפּרעכן. טרייהייט מיינט לאָיאַליטעט וואָס קען ניט געביטן ווערן. מיט דער שבועה פאַרשפּרעכן מיר הייליק אַז מיר וועלן זיין געטריי אין אונזער געדאַנק, וואָרט און טאַט צו דער פאָן און צו דעם לאַנד וואָס זי רעפּרעזענטירט.

די דאָזיקע רעפּובליק איז איין נאַציע; זי קען ניט צעטיילט ווערן. זי גיט פרייהייט און גערעכטיקייט צו אַלע אירע באַוואוינער.

די פאָן איז דער סימבאָל פון אונזער פרייהייט און אונזער געטריישאַפט. מיר שווערן אונזער טרייהייט מיט דאַנקבאַרע הערצער וואָס מיר זיינען פּריווילעגירט צו לעבן אונטער איר שוץ.

דער גרויסער זיגל פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע

דעם 4טן יולי, 1776, באַלד נאָכדעם ווי די דעקלאַראַציע פון אומאפּ־הענגיקייט איז אונטערגעשריבן געוואָרן, האָט דזשאן הענקאק, פּרעזידענט פון דעם קאנטינענטאַלן קאנגרעס, געזאָגט:

„מיר זיינען איצט אַ נאַציע און איך בין גרייט איצט צו הערן שטימען איבער דער פראַגע: ,באַשלאָסן אַז דר. פרענקלין, מר. טאמאס דזשעפערסאָן און מר. דזשאן עדעמס זאָלן באַשטימט ווערן אַלס אַ קאָמיטעט צוצוגרייטן אַ פּלאַן פאַר אַ זיגל פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון אַמעריקע'."

דער גרויסער זיגל טראָגט דעם דאטום פון דעם טאָג ווען ער איז אַטאַ־ריזירט געוואָרן, דעם 4טן יולי, 1776. די דרייצן שטרייפן אויף דעם שילד רעפּרעזענטירן די דרייצן אָריגינעלע שטאַטן וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט אין דעם קאנגרעס. דער אדלער, אויף וועמעס ברוסט די שילד ווערט געטראָגן, האַלט אַן איילבערט־צווייגל אין זיין רעכטער קלויע

און א בינטל פון דרייצן פיילן אין זיין לינקער קלויע, כדי צו ווייזן אז די פאראייניקטע שטאַטן ציען פאַר שלום אָבער זיינען צוגעגרייט פאַר מלחמה. אין זיין שנאבל האלט ער א מגילה אויף וועלכער עס איז אָנגעשריבן די מאָטאָ „ע פלוריבוס יונום", וואָס מיינט „פון אַ סך איינע", דאָס הייסט, פון א סך שטאַטן איז באַשאַפן געוואָרן איין רעגירונג. דאָס איז די מאטא פון די פאראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. איבער דעם ווערט געוויזן אַ קאָנסטעלאַציע פון שטערן וואָס ברעכן דורך אַ וואָלקן און אַנטהאַלטן דרייצן שטערן—סימבאַליזירנדיק דעם געבורט פון אַ נייער נאַציע.

אויף דער אַנדערער זייט פון דעם זיגל איז פאראַן אַן אומפארענדיקטער פּיראמיד און איבער דעם איז אַן אויג אין א דריי־קאנטיקער פיגור. איבער דעם אויג געפינען זיך די ווערטער „אנואיט קאָפּטיס"—„ער האָט געשטיצט די אונטערנעמונג." דער דאטום יולי 4, 1776, איז אויפגעצייכנט אויף דער באַזע פון דעם אומפארענדיקטן פּיראמיד. אונטער דעם איז די מאטא, „נאוואוס ארדא סעקלארום"—„אַ נייע אָרדנונג פון די צייטן". און אַזוי איז, מיט גאָט'ס הילף, צו־שטאַנד געקומען די דאָזיקע נאַציע. דער זיגל דערשיינט אויף אַלע אָפיציעלע דאָקומענטן און סימבאָליזירט דעם גלויבן פון דער נאַציע.

די רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן

די קאנסטיטוציע

אין פארלויף פון דער רעוואלוציאנערער מלחמה איז דאס נייע לאנד געווען פארבונדן דורך די „ארטיקלען פון קאנפעדעראציע.” עס האט עקזיסטירט א קאנטינענטאלער קאנגרעס, א קערפערשאפט פון מענער וואס האבן רעפרעזענטירט די שטאטן. נאך דער מלחמה האט די פארם פון רעגירונג זיך ארויסגעוויזן אלס צו שוואך. די שטאטן זיינען אייגענטליך ניט געווען פאראייניקט אונטער איר. יעדער שטאט האט געוואלט באזיצן וואס מער מאכט. זיי האבן ניט געארבעט צוזאמען. יעדער שטאט האט געגאסן זיינע אייגענע געלט-מטבעות. יעדער שטאט האט געהאט זיינע אייגענע געזעצן וועגן האנדל מיט די אנדערע שטאטן. דאס אליין האט געשאפן אומארדנונג. דאס נייע לאנד האט געדארפט האבן געלט. עס האט געדארפט געלט צו דעקן די אויסגאבן פון אן ארמיי און א פלאטע. עס האט געדארפט געלט צו באצאלן די מלחמה-חובות. דער קאנגרעס האט ניט געהאט די מאכט צו צווינגען יעדן שטאט צו באצאלן זיין חלק פון דעם חוב. אזוי ווי די נאציע האט ניט געהאט קיין פירער, קיין פרעזידענט, האט דער קאנגרעס טאקע געקענט שאפן געזעצן, אבער ער האט זיי ניט געקענט דורכפירן.

די פירער פון דעם נייעם לאנד האבן איינגעזען אז עס מוז אויסגעארבעט ווערן א קאנסטיטוציע, א פונדאמענט פון דער רעגירונג. א קאנפערענץ איז פאררופן געווארן אין אינדעפענדענס האל, פילאדעלפיע, אין זומער פון יאר 1787. דזשארדזש וואשינגטאן איז געווען דער פארזיצער פון דער קאנפערענץ. ראבערט מאריס, דזשיימס מעדיסאן, אלעקסאנדער העמילטאן זיינען אויך אנוועזנד געווען צווישן אנדערע גרויסע פירער.

די קאנפערענץ האט אפגעהאלטן איר זיצונג אין דעם זעלבן צימער אין וועלכן דער קאנטינענטאלער קאנגרעס האט גוטגעהייסן די דעקלאראציע פון אומאפהענגיקייט אין 1776. יענעם גאנצן הייסן זומער האבן די דאזיקע מענער געארבעט צו באשאפן דעם העכסטן געזעץ פאר דעם לאנד. אלע האבן געארבעט פאר אייניקייט. הגם דזשארדזש וואשינגטאן האט גערעדט זייער ווייניק, איז אבער זיין איינפלוס געווען גרויס. אין איין מאמענט ווען די דעלעגאטן האבן זיך ניט געקענט אייניקן, האט וואשינגטאן אונטערבראכן די דיסקוסיע. זעלטן ווען אז אזעלכע קורצע רעדעס זאלן האבן אזוי פיל געווירקט: „אויב, כדי צופרידנשטעלן דאס פאלק, באטן מיר זיי אן דאס וואס מיר אליין ווילן ניט געבן אונזער הסכמה דערויף, טא ווי

אַזוי וועלן מיר שפּעטער קענען פּאַרטיידיקן אונזער אַרבעט? לאָמיר עטאַבּ־לירן אַ מוסטער צו וועלכן אַלע קלוגע און ערליכע מענטשן זאָלן זיך ווענדן; דער ענין איז אין די הענט פון גאָט." און אַזוי איז געבוירן געוואָרן אונזער קאָנסטיטוציע, איינע פון די גרעסטע דאָקומענטן אין דער געשיכטע פון דער רעגירונג.

זי איז פאַרטיק געוואָרן דעם 17טן סעפּטעמבער, 1787. עס איז געווען נויטיק אַז ניין פון די דרייצן שטאַטן זאָלן אונטערשרייבן די קאָנסטיטוציע איידער זי ווערט דאָס געזעץ פון דעם לאַנד. ענדליך, דעם 4טן מערץ, 1789, האָבן מיר געהאַט אונזער קאָנסטיטוציע.

דער דערעפענונגס־פּאַראַגראַף ווערט אָנגערופן די הקדמה, אַ דערקלערונג וועלכע גיט אָן די סיבות פאַרוואָס מען דאַרף האָבן אַ קאָנסטיטוציע.

הקדמה צו דער קאָנסטיטוציע

„מיר, דאָס פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן, כדי צו עטאַבלירן אַ מער פאָלקאָמענעם בונד, איינפירן גערעכטיקייט, פאַרזיכערן אינערליכן שלום, באַזאָרגן די אַלגעמיינע פאַרטיידיקונג, פאַרבעסערן דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין און פאַרפעסטיקן די ברכות פון פרייהייט פאַר אונז און פאַר די צוקונפטיקע דורות, פאַראָרדנען און עטאַבלירן די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע."

לאָמיר נעמען יעדן טייל פון דער הקדמה און עס שטודירן.

„מיר, דאָס פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן"—מיר אָרגאַניזירן אונזער אייגענע רעגירונג, די מאַכט איז אונזערע, מיר עטאַבלירן די דאָזיקע קאָנסטי־טוציע אַלס דאָס געזעץ פון אונזער לאַנד.

„כדי צו עטאַבלירן אַ מער פאָלקאָמענעם בונד"—דאָס איז היינט אַ בונד צווישן אַכט און פערציק אומאָפּהענגיקע שטאַטן. דער בונד האָט געדויערט אָנדערהאַלבן יאָרהונדערט, און האָט אַליין מאַכט וואָס איז אומגעהויער וויכטיק פאַר דעם פאָלק. דאָס אַמעריקאַנער פאָלק איז געווען אַזוי אַנט־שלאָסן אָנצוהאַלטן דעם בונד אַז עס האָט אויסגעקעמפט אַ מלחמה כדי ניט צו דערלאָזן אַז דער בונד זאָל צעטיילט ווערן.

„כדי צו איינפירן גערעכטיקייט"—אין אונזער לאַנד זיינען אַלע גלייך פאַר דעם געזעץ. אַלע מוזן אָפּהיטן דאָס געזעץ. מיר האָבן געריכטן כדי צו באַשיצן די אומשולדיקע, באַשטראָפן די וואָס ברעכן דעם געזעץ, און העלפן די מענטשן אויסגלייכן זייערע ויכוחים דורך גערעכטע און פריד־ליכע געזעצן.

„כדי צו פאַרזיכערן אינערליכן שלום"—דאָס הייסט כדי צו האָבן שלום

אין לאַנד. „פאַרזיכערן" מיינט צו זיין זיכער וועגן דעם. די קאָנסטיטוציע גאַראַנטירט שלום אין לאַנד.

„באַזאָרגן די אַלגעמיינע פאַרטיידיקונג"—אונזער רעגירונג, לויט דער קאָנסטיטוציע, דאַרף צושטעלן אַן ארמיי און אַ פלאָטע צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. דער קאָנגרעס האָט די אויסשליסליכע אָטאָריטעט צו דערקלערן מלחמה. דער פּרעזידענט איז דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי און פלאָטע. איצט האָבן מיר אויך די לופט־פלאָטע איןביידע באַוואָפנטע אָפּ־טיילונגען. די פאַראייניקטע שטאַטן באַזיצט היינט אַ שטאַרקע פאַרטיידיקונג.

„פאַרבעסערן דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין"—אַלגעמיינער וואוילזיין מיינט דער וואוילזיין פון אַלע מענטשן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָן אויסנאַם פון ראַסע, קאָליר אָדער גלויבן.

„פאַרפעסטיקן די ברכות פון פרייהייט פאַר אונז און פאַר די צוקונפטיקע דורות"—די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט דערקלערט אַז דאָס פאָלק האָט געוויסע רעכט וואָס קענען נים אַוועקגענומען ווערן פון זיי, און אַז די רעכט זיינען לעבן, פרייהייט און דאָס שטרעבן נאָך גליק. אונזער פאָלק באַזיצט די פרייהייט צו לעבן זייערע לעבנס אַזוי ווי זיי ווילן, כל־זמן זיי האַלטן זיך אין די ראַמען פון געזעץ. די קאָנסטיטוציע גאַראַנטירט די דאָזיקע רעכט און פּריווילעגיעס. די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז אַ פעדעראַלע רעגירונג, אַ בונד פון שטאַטן. עס איז אַ דעמאָקראַטיע, וואָס דאָס מיינט אַז דאָס פאָלק רעגירט. אויב אומרעכטע מענטשן קומען אריין אין דער רעגירונג איז עס די שולד פון דעם פאָלק וואָס האָט זיי אויס־געוויילט צו זייער אַמט. עס איז אַ רעפּובליק, וואָס דאָס מיינט אַז דאָס פאָלק רעגירט נים דירעקט איבער דעם לאַנד, נאָר עס שטימט פאַר מענער און פרויען וועלכע פאַרטרעטן זיי אין דער רעגירונג.

אָנמערקונג: פאַרמישט ניט די ווערטער „רעפּובליק" און „דעמאָקראַטיע" מיט די ווערטער „רעפּובליקאַנער" און „דעמאָקראַט". רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַט זיינען די נעמען פון צוויי פּאָליטישע פּאַרטייען, און מיינען ניט די רעגירונג.

די קאָנסטיטוציע שטעלט איין דריי אָפּטיילונגען פון דער רעגירונג:

1. די לעגיסלאַטיווע (געזעצגעבנדע) אָפּטיילונג וועלכע מאַכט די געזעצן.
2. די עקזעקוטיווע אָפּטיילונג, דער פּרעזידענט, וואָס פירט דורך די געזעצן.
3. די יורידישע אָפּטיילונג וועלכע דערקלערט די געזעצן און אַנטשיידעט פראַגן וועגן געזעץ.

ווען דער קאָנגרעס נעמט אָן אַ געזעץ, קען עס דער פּרעזידענט וועטאָאירן. דאָס הייסט, ער זאָגט אַז ער וויל ניט גוטהייסן דעם געזעץ. אויב דער קאָנ־

גרעס וויל קען ער נאָך אַמאָל שטימען איבער דעם געזעץ, און אויב צוויי־דריטל פון די מיטגלידער שטימען דערפאַר דאַן ווערט עס אַ געזעץ איבער דעם פּרעזידענט'ס וועטאָ.

דער סופרים קאָורט (דער העכסטער געריכט) פון די פאַראייניקטע שטאַטן קען דערקלערן אַ געזעץ אומקאָנסטיטוציאָנעל, אַז עס איז געגן דער קאָנ־סטיטוציע. דאָס איז כדי ניט צו דערלאָזן אַז איינע פון די אָפּטיילונגען פון דער רעגירונג זאָל באַזיצן די גאַנצע מאַכט. מיר רופן עס דער סיסטעם פון „טשעקס ענד באַלאַנסעס" (קאָנטראָלירן און באַלאַנסירן), אַ שוץ פאַר דעם פאָלק.

דער קאָנגרעס הויבט אָן זיינע זיצונגען אין וואַשינגטאָן, ד. ק., דעם 3טן יאַנואַר פון יעדן יאָר. ער שאַפט די געזעצן. דער קאָנגרעס האָט צוויי אָפּטיילונגען: דער סענאַט און דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז. דער פּרע־זידענט קען רופן אַ ספּעציעלע סעסיע.

עס זיינען פאַראַן 96 סענאַטאָרן, צוויי פון יעדן שטאַט. אַ סענאַטאָר ווערט אויסגעוויילט אויף 6 יאָר. ער מוז זיין אַמווייניקסטנס 30 יאָר אַלט, און אַ בירגער אַמווייניקסטנס 9 יאָר צייט. ער מוז וואוינען אין דעם שטאַט וואָס דערוויילט אים.

עס זיינען פאַראַן 435 קאָנגרעסלייט. איין קאָנגרעסמאַן פאַר 304,000 מענטשן אין דעם שטאַט.

אַ קאָנגרעסמאַן ווערט דערוויילט אויף צוויי יאָר. ער מוז זיין אַמ־ווייניקסטנס 25 יאָר אַלט. ער מוז זיין אַ בירגער אַמווייניקסטנס 7 יאָר צייט. ער מוז וואוינען אין דעם שטאַט וואָס דערוויילט אים.

דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט דערוויילט פאַר אַ טער־מין פון 4 יאָר. די קאָנסטיטוציע זאָגט ניט וויפל מאָל אַ פּרעזידענט קען אויסגעוויילט ווערן. ער ווערט איינגעשוואוירן אין זיין אַמט דעם 20טן יאַנואַר נאָך די וואַלן. ער מוז זיין אַ בירגער דורך געבורט, אַמווייניקסטנס 35 יאָר אַלט, און מוז האָבן געוואוינט אין די פאַראייניקטע שטאַטן 14 יאָר צייט. דער פּרעזידענט ווערט ניט אויסגעוויילט דירעקט פון דעם פאָלק. די בירגער פון יעדן שטאַט שטימען פאַר „עלעקטאָרס" (וואַל־מענער) ביי די געוויינטלעכע וואַלן, וועלכע קומען זיך שפּעטער צונויף פון אַלע שטאַטן און דערוויילן דעם פּרעזידענט. ער איז דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די באַ־וואָפנטע כוחות פון די פאַראייניקטע שטאַטן, די אַרמיי, די פלאָטע, און די לופט־פלאָטע וואָס איז אַ טייל פון דער אַרמיי און פלאָטע.

ער שליסט אָפּמאַכן מיט אַנדערע לענדער און באַשטימט געוויסע מענטשן

צו די אַמטן. דער סענאַט מוז גוטהייסן אַלע אָפּמאַכן און אַלע באַאַמטע וואָס ווערן באַשטימט דורך דעם פּרעזידענט.

דער וויצע־פּרעזידענט מוז באַזיצן דיזעלבע קוואַליפיקאַציעס וואָס דער פּרעזידענט. זיין פליכט איז צו זיין פאָרזיצער איבער דעם סענאַט. אין פאַל דער פּרעזידענט שטאַרבט אָדער ווערט באַזייטיקט פון זיין אַמט, פאַרנעמט דער וויצע־פּרעזידענט זיין פּלאַץ.

אין פאַל ביידע, דער פּרעזידענט און דער וויצע־פּרעזידענט, ציען זיך צוריק אָדער ווערן באַזייטיקט פון זייערע אַמטן ווערט דער ספּיקער פון רעפּרעזענטאַנטן־הויז דער פּרעזידענט.

דער פּרעזידענט האָט אַ גרופּע פון 9 ראַטגעבער וועלכע ווערן אָנגערופן דער קאַבינעט. זיי ווערן באַשטימט דורך דעם פּרעזידענט מיט דער גוטהייסונג פון דעם סענאַט.

די מיטגלידער פון דעם קאַבינעט זיינען:

1. דער סעקרעטערי אָוו סטייט (אויסלאַנדס־מיניסטער).
2. דער סעקרעטערי פון דער טרעזשורי (פינאַנץ־מיניסטער).
3. דער סעקרעטערי פון פאַרטיידיקונג.
4. דער אַטוירני דזשענעראַל (יוסטיץ־מיניסטער).
5. דער פּאָסטמאַסטער דזשענעראַל (דער מיניסטער פון פּאָסט).
6. דער סעקרעטערי פון אינטיריאָר (אינערן־מיניסטער).
7. דער סעקרעטערי פון אַגריקולטור (אַגריקולטור־מיניסטער).
8. דער סעקרעטערי פון האַנדל (האַנדלס־מיניסטער).
9. דער סעקרעטערי פון לייבאָר (אַרבעטס־מיניסטער).

די יורידישע אָפּטיילונג איז דער דריטער צווייג פון אונזער רעגירונג. עס דערקלערט די קאָנסטיטוציע און די געזעצן.

דער העכסטער געריכט פון לאַנד איז דער סופּרים־קאָורט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער געריכט זיצט אין וואַשינגטאָן, ד. ק. עס זיינען פאַראַן 9 ריכטער וועלכע ווערן אָנגערופן „דזשאָסטיסעס". איינער פון זיי איז דער הויפּט ריכטער. זיי ווערן באַשטימט פון דעם פּרעזידענט און גוטגעהייסן דורך דעם סענאַט צו דינען פאַר דעם גאַנצן לעבן. דער סופּרים קאָורט איז דער איינציקער פעדעראַלער געריכט וואָס ווערט פאָרגעשריבן אין דער קאָנסטיטוציע. זיינע באַשלוסן זיינען ענדגילטיק.

די קאָנסטיטוציע לאָזט איבער געגוג אָטאָריטעט פאַר דעם קאָנגרעס איבער די אַנדערע פעדעראַלע געריכטן.

די הויפּט פליכט פון אַלע פעדעראַלע געריכטן איז צו שאַפן די מעגליכ־קייט דורך וועלכער די מענטשן זאָלן קענען אויסגלייכן זייערע ויכוחים אויף אַ פרידליכן אופן.

די קאָנסטיטוציע קען געענדערט אָדער אַמענדירט ווערן. דאָס קען גע־טאָן ווערן אויף צוויי אופנים:

1. דער קאָנגרעס נעמט אָן אַ רעזאָלוציע וואָס שלאָגט פאָר אַן ענדערונג (אַמענדמענט). צוויי דריטל פון ביידע הייזער פון קאָנגרעס מוזן שטימען פאַר דעם אַמענדמענט. דאַן מוז עס גוטגעהייסן ווערן דורך די געזעצגעבנדע קערפּערשאַפטן פון דריי־פערטל פון די שטאַטן.

2. דער צווייטער וועג דורך וועלכן די קאָנסטיטוציע קען אַמענדירט ווערן איז ווען צוויי־דריטל פון די שטאַטן בעטן דעם קאָנגרעס צו רופן אַ קאָנ־פערענץ צו באַטראַכטן אַן אַמענדמענט. דאָס הייסט אַ קאָנסטיטוציאָנעלע קאָנווענשאָן. די קאָנווענשאָן מעג אָננעמען דעם אַמענדמענט, אָבער צוויי־דריטל פון די לעגיסלאַטיווע קערפּערשאַפטן פון די שטאַטן מוזן אויך שטימען דערפאַר איידער דער אַמענדמענט ווערט אַ טייל פון דער קאָנסטי־טוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַ „ביל אָוו רייטס" (געזעץ וועגן רעכטן), וואָס דערקלערט געוויסע פּרינ־ציפּן פון פרייהייט, איז אָנגענומען געוואָרן דורך דעם קאָנגרעס אין זיין ערשטן יאָר, 1789, און איז גוטגעהייסן געוואָרן פון די שטאַטן אין דער פאָרם פון 10 אַמענדמענטס אין 1791. די דאָזיקע רעכט האָט דאָס פאָלק שוין געהאַט, אָבער זיי זיינען ניט דערמאָנט געוואָרן אין דער קאָנסטיטוציע.

דאָס געזעץ וועגן רעכטן

די ערשטע צען אַמענדמענטס צו דער קאָנסטיטוציע שטעלן צוזאַמען דעם „ביל אָוו רייטס". דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט גוטהייסן די קאָנסטי־טוציע ביז וואַנען מען האָט פאַרשפּראָכן אַ געזעץ וועגן רעכטן. מען האָט געקעמפט פאַר פרייהייטן און זיי געוואונען, האָט מען איצט ניט געוואָלט איינשטעלן זיי צו פאַרלירן. דאָס געזעץ וועגן רעכטן איז געווען אַן ענין מיט וועלכן דער ערשטער קאָנגרעס האָט זיך באַשעפטיקט. אַ טאָג פון דאַנקבאַרקייט איז דערקלערט געוואָרן ווען עס איז אָנגענומען געוואָרן.

מענטשן זיינען היינט פאַראַנטוואָרטליך פאַר אָנהאַלטן די דאָזיקע פריי־הייטן. אויב זיי ווערן פאַרלייקענט פאַר איינעם, קענען זיי פאַרלייקענט ווערן פאַר אַלעמען.

קיין געזעץ טאָר ניט געשאַפן ווערן וועגן רעליגיע. אַ מענטש קען זאָגן וואָס ער וויל און דרוקן וואָס ער וויל, כּל־זמן ער זאָגט ניט קיין פאַלשקייטן

וואס קענען יענעם שעדיקן. מענטשן מעגן אפהאלטן פארזאמלונגען און צושטעלן פעטיציעס צו זייער רעגירונג אויסצוגלייכן קלאגעס וואס זיי האבן. דאס זיינען די ערשטע באהויפטונגען פון דעם געזעץ וועגן רעכטן.

עס איז פארבאטן פאר דער פעדעראלער רעגירונג צו שטערן די רעכט פון דער באפעלקערונג פון א פרייען שטאט צו באזיצן און טראגן וואפן. די רעגירונג קען אויך ניט איינקווארטירן סאלדאטן אין א מענטשנ'ס היים; זיין הויז טאר ניט אונטערזוכט ווערן, סיידן ווען עס ווערט ארויסגעגעבן א באפעל אונטער א שבועה צו זוכן א באשטימטן מענטשן אדער באשטימטע פאפירן. איינענטום קען ניט צוגענומען ווערן סיידן עס ווערט געגעבן א יושר'דיקע באלוינונג דערפאר.

א מענטש מוז ניט ענטפערן אויף א קלאגע אז ער איז באגאנגען א מארד פארברעכן, סיידן ער ווערט אנגעקלאגט דורך אן אנקלאגע־געריכט (גרענד דזשורי).; ער קען ניט פראצעסירט ווערן אויף דיזעלבע קלאגן צוויי מאל; ער קען ניט געצוואונגען ווערן צו זיין אן עדות געגן זיך אליין; ער מעג הערן וואס די עדות וועלכע טרעטן אויף געגן אים זאגן און מען דארף אים העלפן קריגן עדות פאר זיין צד. עס טאר ביי אים ניט צוגענומען ווערן זיין פרייהייט, סיידן אין איינקלאנג מיט דעם געזעץ.

מען מוז אים זאגן אין וואס די קלאגע געגן אים באשטייט, און ער מעג פאדערן א שנעלן און עפנטליכן פראצעס דורך א דזשורי וואס איז אנגעמ־באר פאר אים, און אין דער געגנט וואו דער פארברעכן איז באגאנגען גע־ווארן. ער איז בארעכטיקט צו העלפן אין זיין אייגענער פארטיידיקונג. באשטימען א צו הויכע סומע ערבות־געלט, א צו הויכע געלט־שטראף און גרויזאמע און אומגעוויינטליכע שטראפן זיינען פארבאטן.

דאס געזעץ וועגן רעכטן דערקלערט אז אנדערע רעכט וואס ווערן ניט דערמאנט געהערן אויך צום פאלק, און אז די מאכט וואס איז ניט געגעבן געווארן צו די פאראייניקטע שטאטן דורך דער קאנסטיטוציע פארבלייבט ביי די שטאטן אדער ביים פאלק.

דאָס געזעץ װעגן רעכטן

אַמענדמענט איינס

פרייהייט פון רעליגיע, פון רעדע, און פון פּרעסע

דער קאָנגרעס זאָל ניט שאַפן קיין געזעץ װעגן עטאַבלירן אַ רעליגיע אָדער פאַרװערן פריי צו פּראַקטיצירן רעליגיע; אָדער באַשרענקען די פרייהייט פון רעדע אָדער פון פּרעסע; אָדער דאָס רעכט פון דעם פאָלק זיך צו פאַר־זאַמלען אויף אַ פרידליכן אופן און צושטעלן פּעטיציעס צו דער רעגירונג צו פאַרגיטיקן קריװודעס.

אַמענדמענט צװיי

דאָס רעכט צו באַזיצן און טראָגן װאָפן

אַזוי װי אַ גוט רעגולירטע מיליץ איז נויטװענדיק פאַר דער זיכערהייט פון אַ פרייען שטאַט, זאָל דאָס רעכט פון דעם פאָלק צו באַזיצן און טראָגן װאָפן ניט פאַרלעצט װערן.

אַמענדמענט דריי

איינקװאַרטירן סאָלדאַטן

אין צייט פון שלום, זאָל קיין סאָלדאַט ניט איינקװאַרטירט װערן אין קיין שום הויז אָן דער צושטימונג פון דעם אייגענטימער; אויך ניט אין צייט פון מלחמה, סיידן אויף אַן אופן װאָס װעט אָנגעצייכנט װערן פון דעם געזעץ.

אַמענדמענט פיר

זיכערהייט געגן אומגערעכטע אונטערזוכונגען און קאָנפיסקאַציעס

דאָס רעכט פון דעם פאָלק צו זיין געזיכערט אין זייער פּערזאָן, הייזער, פּאַפּירן און אייגנטום געגן אומגערעכטע אונטערזוכונגען און קאָנפיסקאַ־ציעס טאָר ניט פאַרלעצט װערן; און קיין שום אַרעסט־באַפעל זאָל אַרויס־געגעבן װערן, סיידן אויף אַ מעגליכן גרונד, אונטערשטיצט דורך אַ שבועה אָדער אַ באַשטעטיקונג, און גענוי באַשרייבנדיק דאָס אָרט װאָס װעט אונ־טערזוכט װערן און די מענטשן אָדער זאַכן װאָס װעלן אַװעקגענומען װערן.

אַמענדמענט פינף

די רעכט פון אָנגעקלאָגטע בעת קרימינעלע פּראָצעסן

קיין פּערזאָן זאָל ניט פאַרהאַלטן װערן צו ענטפערן אויף אַ מאָרד־קלאָגע

אָדער אַנדערע נידערטרעכטיקע פאַרברעכנס, סיידן דורך אַ באַשולדיקונג אָדער אָנקלאַגע פון געריכטס־געשוואוירענע, חוץ אין פאַלן וואָס פּאַסירן אין דער אַרמיי אָדער פלאָטע, אָדער אין דער מיליץ בשעת פּאַקטישער דינסט אין צייט פון מלחמה אָדער בשעת אַן אַלגעמיינער געפאַר; אויך זאָל קיין פּערזאָן ניט אויסגעזעצט ווערן צוויי מאָל צו דער געפאַר פון זיין לעבן אָדער אַ גליד פאַר דעמזעלבן פאַרברעכן; אויך זאָל ער ניט געצוואונגען ווערן אין קיין שום קרימינעלן פּראָצעס צו זיין אַן עדות געגן זיך אַליין, און ער זאָל ניט באַרויבט ווערן פון זיין לעבן, פרייהייט, אָדער אייגענטום אָן אַ געזעצליכן משפט; אויך זאָל פּריוואַט אייגענטום ניט קאָנפיסקירט ווערן פאַר קהל׳שן נוצן, אָן אַ גערעכטער באַלוינונג.

אמענדמענט זעקס

דאָס רעכט פאַר אַ שנעלן פּראָצעס, עדות, א. א. וו.

אין אַלע קרימינעלע אָנקלאַגעס זאָל דער אָנגעקלאָגטער האָבן דאָס רעכט אויף אַ שנעלן און עפנטליכן פּראָצעס דורך אַן אומפּאַרטייאישער דזשורי פון דעם שטאַט און דיסטריקט וואו דער פאַרברעכן זאָל האָבן באַגאַנגען געוואָרן; דער דיסטריקט דאַרף פריער פעסטגעשטעלט ווערן דורך דעם געזעץ; און דער אָנגעקלאָגטער זאָל אינפאָרמירט ווערן וועגן דעם כאַראַקטער און די אורזאַך פון דער באַשולדיקונג; ער זאָל געשטעלט ווערן פּנים אל פּנים מיט די עדות וואָס טרעטן אויף געגן אים; ער זאָל האָבן דאָס רעכט צו צווינגען עדות צו קומען אויפטרעטן פאַר אים און צו האָבן די הילף פון אַן אַדוואָקאַט פאַר זיין פאַרטיידיקונג.

אמענדמענט זיבן

דאָס רעכט פון אַ פּראָצעס דורך אַ דזשורי אין ציווילע משפטים

אין קלאַגעס פון „קאַמאָן לאָ" (דאָס ניט־געשריבענע געזעץ וואָס קומט אַריין אין געברויך דורך דער פּראַקטיק פון געריכטס־אַנטשיידונגען אָדער דורך אַלגעמיינע מנהגים), וואו דער געלט־ווערט פון דעם סכסוך באַטרעפט מער פון צוואַנציק דאָלער, זאָל דאָס רעכט פון אַ פּראָצעס דורך אַ דזשורי אָנגעהאַלטן ווערן; און קיין ענין וואָס ווערט פּראָצעסירט דורך אַ דזשורי זאָל אויף קיין אופן ווידער ניט עקזאַמינירט ווערן אין קיין שום געריכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, סיידן אין איינקלאַנג מיט די רעגולאַציעס פון „קאַמאָן לאָ".

אמענדמענט אכט

ערבות—געלט־שטראף—אנדערע שטראפן

קיין צו הויכע סומען ערבות־געלט זאל ניט געפאדערט ווערן, אויך זאל ניט ארויפגעלייגט ווערן קיין צו גרויסע געלט־שטראף, און עס זאלן אויך ניט אויסגעטיילט ווערן קיין גרויזאמע און אומגעוויינטליך שווערע באשטראפונגען.

אמענדמענט ניין

רעזערוואציע פון די רעכטן פון דעם פאלק

דאס וואס עס ווערן אויסגערעכנט אין דער קאנסטיטוציע געוויסע רעכט, זאל עס ניט אויסגעטייטשט ווערן אויף אפצולייקענען אדער פארמינדערן אנדערע רעכט וואס פארבלייבן ביים פאלק.

אמענדמענט צען

די מאכט וואס איז רעזערווירט פאר די שטאטן אדער דעם פאלק

די מאכט וואס איז ניט איבערגעגעבן געווארן צו די פאראייניקטע שטאטן דורך דער קאנסטיטוציע, און איז אויך ניט פארווערט געווארן דורך איר צו די שטאטן, געהערן רעספעקטיוו צו די שטאטן אדער צום פאלק.

(די ערשטע צען אמענדמענטס זיינען אלע פארגעשלאגן געווארן פון דעם קאנגרעס דעם 25טן סעפטעמבער, 1789, און זיינען ראטיפיצירט און באשטעטיקט געווארן דעם 15טן דעצעמבער, 1791.)

עס זיינען פאראן 21 אמענדמענטס צו דער קאנסטיטוציע. די ערשטע 10 שטעלן צוזאמען דאס געזעץ וועגן רעכטן.

אמענדמענט 11. א בירגער פון אן אנדער לאנד אדער אן אויסלענדער קען ניט אנקלאגן איינע פון די שטאטן.

אמענדמענט 12. ענדערט דעם סיסטעם פון אויסוויילן דעם פרעזידענט און דעם וויצע-פרעזידענט.

אמענדמענט 13. באפרייט די שקלאפן.

אמענדמענט 14. די שקלאפן ווערן דערקלערט אלס בירגער.

אמענדמענט 15. דערקלערט אז קיין בירגער פארלירט ניט זיין שטימרעכט צוליב ראסע, קאליר אדער ווייל ער איז פריער געווען א שקלאף.

אמענדמענט 16. גיט דעם קאנגרעס די מאכט ארויפצולייגן שטייערן אויף איינקונפטן.

אמענדמענט 17. ענדערט דעם סיסטעם פון אויסוויילן סענאַטאָרן. זיי זאָלן דערוויילט ווערן דירעקט פון דעם פאָלק.
אמענדמענט 18. פירט איין נאַציאָנאַלן פאַרבאָט אויף שטאַרקע געטראַנקען.
אמענדמענט 19. פרויען קריגן שטימרעכט.
אמענדמענט 20. ענדערט דעם דאַטום ווען דער פרעזידענט און דער וויצע־פרעזידענט זאָלן איינגעשוואוירן ווערן אויף זייערע אמטן אויף דעם 20טן יאַנואַר און אַז דער קאָנגרעס זאָל דערעפנט ווערן דעם 3טן יאַנואַר פון יעדן יאָר.
אמענדמענט 21. דער 18טער אַמענדמענט ווערט צוריקגעצויגן.

די קאָנסטיטוציע איז געוואָרן דאָס העכסטע געזעץ פון לאַנד דעם 4טן מערץ, 1789.

וואָס די קאָנסטיטוציע מיינט פאַר אייך

עס עטאַבלירט פאַר אייך אַ סטאַבילע און פאַראַנטוואָרטליכע רעגירונג.

עס מאַכט אייך פאַר אַ בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אויב איר זייט דאָ געבוירן.

עס גיט אייך בירגערשאַפט, אויב איר זייט געבוירן אין אויסלאַנד, נאָכדעם ווי איר קומט נאָך די נאַטוראַליזאַציע געזעצן.

עס דערלויבט אייך צו האָבן אַ שטימע אין דער רעגירונג דורך די באַאַמטע וואָס איר העלפט אויסוויילן.

עס גאַראַנטירט אייך אייער לעבן, פרייהייט און דאָס שטרעבן נאָך גליק.

עס פאַרטיידיקט אייערע רעכט אפילו געגן דער רעגירונג אַליין.

עס מאַכט אייך גלייך מיט אַלע מענטשן פאַר דעם געזעץ.

עס באַשטעטיקט אייער רעליגיעזע פרייהייט און די פרייהייט פון געוויסן.

עס דערלויבט אייך פרייע געזעצליכע רעדע.

עס גאַראַנטירט אייך, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע מענטשן, דאָס רעכט פון פרידליכער פאַרזאַמלונג.

עס דערלויבט אייך צוצושטעלן אַ פעטיציע צו דער רעגירונג כדי אויסגלייכן קריוודעס געגן אייך.

עס היט אָפּ די רעכט צו אייער אייגענטום.

עס פאַרבאָט דער רעגירונג צו פאַרנעמען אייער אייגענטום אָן אַ געזעצליכן משפט.

עס דערלויבט אייך אָנהאַלטן יעדן אַמט אין דער רעגירונג פאַר וועלכן איר זייט קוואַליפיצירט.

עס גיט אייך די מעגליכקייט צו ווערן אַ בירגער אין וועלכן שטאַט איר ווילט.

עס דערלאָזט ניט איר זאָלט פאַרהאַלטן ווערן צו ענטפערן אויף אַן אָנקלאַגע, סיידן איר ווערט געזעצליך אָנגעקלאָגט.

עס פאַרזיכערט אייערע רעכט פון אַ פּראָצעס דורך אַ דזשורי וואָס באַשטייט פון אייערע מיטבירגער.

עס גיט אייך דאָס רעכט פון „הייבעאַס קאָרפּוס," דאָס הייסט, דאָס רעכט צו וויסן פאַרוואָס איר ווערט געהאַלטן אַרעסטירט.

עס פאַרזיכערט אייך אַ שנעלן פּראָצעס.

עס דערלויבט אייך צו האָבן אַ פאַרטיידיקונגס-אַדוואָקאַט.

עס דערלאָזט ניט אַז איר זאָלט אַ צווייטן מאָל פּראָצעסירט ווערן אויב איר זייט שוין איין מאָל באַפרייט געוואָרן.

עס דערלויבט אייך צו האָבן אַ פּראָצעס אין דעם שטאַט און דיסטריקט אין וועלכן איר ווערט אָנגעקלאָגט פאַר אַ פאַרלעצונג פון די געזעצן.

עס אַנטלייט אייך די מאַכט פון דער רעגירונג צו צווינגען עדות אויפ־צוטרעטן פאַר אייער צד.

עס באַפרייט אייך פון זיין געצוואונגען אויפצוטרעטן געגן זיך אַליין.

עס פאַרבאָט צו הויכע ערבות־געלט.

עס פאַרבאָט גרויסע געלט־שטראָפן און גרויזאַמע שטראָפן.

עס באַפרייט אייך פון שקלאַפעריי אין יעדער פאָרם.

עס דערלאָזט ניט אַז א שטאַט זאָל ביי אייך צונעמען אייערע קאָנסטי־טוציאָנעלע רעכט.

עס דערלויבט אייך צו באַנוצן וואָפן פאַר דער באַשיצונג פון אייער לעבן און היים.

עס פאַרזיכערט אייער היים געגן אונטערזוכונגען, סיידן דורך אַ גע־זעצליכן באַפעל.

עס גאַראַנטירט אייך אַז די לעגאַלע פאַרפליכטונג פון אָפּמאַכן זאָל ניט געשעדיקט ווערן.

עס דערלויבט אייך זיך צו באַטייליקן אין ענדערן די קאָנסטיטוציע פון צייט צו צייט.

שטאַט רעגירונגען

ווען די דרייצן קאָלאָניעס האָבן דערקלערט זייער אומאָפּהענגיקייט פון ענגלאַנד אין 1776, זיינען זיי געוואָרן אומאָפּהענגיקע שטאַטן. אייניקע פון זיי האָבן פאַר אַ צייט פאַרטגעזעצט זייערע רעגירונגען אונטער די

ענגלישע טשארטערס. אַנדערע האָבן עטאַבלירט נייע רעגירונגען אונטער קאָנסטיטוציעס וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן דורך דעם פאָלק. נייע שטאַטן זיינען פון צייט צו צייט אריינגענומען געוואָרן אין דעם בונד. אַלע שטאַטן האָבן קאָנסטיטוציעס וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן דורך דעם פאָלק. די מאַכט פון די שטאַט רעגירונגען ווערן אויך איינגעטיילט אין געזעצגעבנדע, עקזעקוטיווע און יורידישע אָפּטיילונגען.

די געזעצגעבנדע קערפּערשאַפטן פון די שטאַטן שאַפן די געזעצן פאַר דעם שטאַט. יעדע לעגיסלאַטיווע קערפּערשאַפט באַשטייט פון צוויי הייזער, וואָס ווערן געוויינטליך באַצייכנט אַלס דער סענאַט און די אַסעמבלי. די מיטגלידער פון די קערפּערשאַפטן ווערן אויסגעוויילט דירעקט דורך דעם פאָלק. דער טערמין פון זייער אמט איז אַנדערש אין די פאַרשיידענע שטאַטן.

די עקזעקוטיווע אָפּטיילונג האָט די פאַראַנטוואָרטליכקייט צו זען אַז די געזעצן וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן דורך די געזעצגעבנדע קערפּערשאַפטן זאָלן אויסגעפירט ווערן. דער הויפּט עקזעקוטיווער באַאַמטער, וועלכער ווערט אָנגערופן דער גאָווערנאָר, ווערט דערוויילט פון דעם פאָלק. זיין טערמין איז פון איינס ביז פיר יאָר, לויט די פאַרשיידענע שטאַטן. ער האָט אונטער זיך עטליכע אָפּטיילונגען וואָס באַשעפטיקן זיך מיט פאַרשיידענע פאַזן פון דעם געזעץ, ווי אַגריקולטור, אַרבעט, פינאַנץ, דערציאונג, מיליץ.

די יורידישע אָפּטיילונג באַשטייט פון שטאַט געריכטן. די דאָזיקע געריכטן ווענדן אָן די געזעצן אין פאַרבינדונג מיט די פאַרשיידענע פאַלן וועלכע קומען אויף פאַר זיי. די געריכטן זיינען פאַרשידן אין זייערע נעמען און לויט די קלאַסן פון משפטים וועלכע זיי באַהאַנדלען. עס זיינען פאַראַן געריכטן אין אַלע שטאַטן וואָס באַשעפטיקן זיך מיט פאַרברעכנס. אַנדערע פאַרנעמען זיך בלויז מיט ציווילע ענינים. עס זיינען פאַראַן העכערע געריכטן צו וועמען די מענטשן קענען אַפּעלירן.

זעלבסט־רעגירונג איז איינע פון די פּרינציפּן פון אַמעריקאַנער דעמאָ-קראַטיע. כדי דאָס פאָלק זאָל קענען נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער רעגירונג פון זייער אייגענער קהילה, ווערט דער שטאַט איינגעטיילט אין „קאונטים" (קרייזן).

די בירגער פון די קרייזן דערוויילן זייערע אייגענע באַאַמטע צו פאַר-וואַלטן די געשעפטן פון יענעם קרייז. עס זיינען פאַראַן איבער 3000 קרייזן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיי זיינען פאַרשידן אין שטח. בריסטאָל קאונטי, מאַסאַטשוזעטס, פאַרנעמט 25 קוואַדראַט מייל אין שטח. קאַסטער

קאונטי, מאנטאנא, פאַרנעמט אַ שטח פון 20,175 קוואַדראַט מייל. די קאונטי רעגירונג בויט און פאַרריכט בריקן און שאַסייען. עס האַלט אויף דאָס הויז פאַר אָרימעלייט אין דער קאונטי. עס האַנדלט אין נאָמען פון דעם שטאַט אין אויפהאַלטן די אָרדנונג, און אַרעסטירן און באַשטראָפן פאַר פאַרברעכנס. אייניקע קאונטים פירן אויך אָן אַ סך אַנדערע אַק־טיוויטעטן.

אַנדערע פאָרמען פון לאָקאַלע רעגירונגען זיינען די פאַרוואַלטונגען פון שטעט און שטעטלאַך. אין ניו־ענגלאַנד איז שטאָטישע פאַרוואַלטונג אַנט־וויקלט געוואָרן דורך די ערשטע קאָלאָניסטן. זיי האָבן געוואוינט אין קליינע, געדיכטע ישובים. מענטשן וואָס שטימען אין שטאָטישע און שטעטלשע וואַלן פאַרוואַלטן די לאָקאַלע טעטיקייטן. זיי קאָנטראָלירן די קינדער־שולן, דעם געזונטהייט דעפּאַרטמענט, דאָס פאַרוואַלטן פון די גאַסן, און אויפהאַלטן די אָרדנונג. זיי קלייבן אויס מענטשן צו פאַרטרעטן זייער קהילה אין דער געזעצגעבנדער קערפּערשאַפט פון דעם שטאַט. יעדער מאַן און יעדע פרוי דאַרף זיין שטאָלץ מיט דעם באַוואוסטזיין אַז ער אָדער זי האָט אַ חלק אין דער רעגירונג פון זייער קהילה. יעדער איינער דאַרף פּרובירן זיך מאַכן פּאַסענד צו נעמען אַן ערליכן און אַקטיוון אַנטייל אין דער פאַרוואַלטונג פון זיין שטעטל אָדער שטאָט.

יעדער שטאַט האָט אַזויפיל אָטאָריטעט ווי אַלע אַנדערע שטאַטן אין דעם בונד. עס מעג זיין אַ נייער שטאַט, די באַפעלקערונג קען זיין זייער קליין, אָבער דער שטאַט האָט דיזעלבע פרייהייט צו באַנוצן זיין אָטאָריטעט אַזוי ווי דער עלטסטער שטאַט.

מיר לעבן אין אַ בונד פון גלייכע שטאַטן. די שטאַטן קענען ניט פאַר־ניכטן דעם בונד. די נאַציאָנאַלע רעגירונג האָט ניט קיין אָטאָריטעט צו פאַרניכטן די שטאַטן.

צום אפּליקאַנט פאַר אַמעריקאַנער בירגערשאַפט

איר האָט געמאַכט אַ גרויסע אָנשטרענגונג צו קומען אין דעם לאַנד. איר האָט פיל מקריב געווען צו קענען לעבן אין אַ פרייַ לאַנד. נאָכדעם ווי איר וועט האָבן געוואָרן אַ בירגער, געדענקט אַז איר האָט ערשט בלויז אָנגע־פאַנגען אייער דערציאונג אַלס אַן אַמעריקאַנער. זעצט פאָר צו שטודירן די ענגלישע שפּראַך כדי איר זאָלט קענען לייענען און שרייבן גוט אין דער שפּראַך. שטודירט דאָס לערן־ביכל. עס וועט אייך העלפן פאַרשטיין די רעגירונג און די געזעצן פון דעם לאַנד.

פאַרוואַנדלט אייער היים אין אַן אמת'ער אַמעריקאַנער היים. אַ היים

וואו עלטערן און קינדער האבן זיך ליב. וואו אמת, עדע, גאטספארכטיקייט און ליבע צום לאנד ווערן געלערנט די קינדער פון קינדווייז אן.

דערציאונג איז איינע פון די רעכט וואס דאס פאלק פון דער רעפובליק באזיצט. שיקט אייערע קינדער אין דער שול. דערמוטיקט זיי צו שטודירן אין דער הויכשול און אין אוניווערזיטעט. איר אליין זאלט באזוכן אן אוונט־שול, אויב עס געפינט זיך אזא שול נעבן אייך. אויב עס איז ניט פאראן, קלייבט צונויף א צאל פון אייערע פריינד, פארזאמלט זיך איין אוונט אין וואך אין איינער פון אייערע היימען און קריגט א לערער. אויב איר וועט זיך אויסלערנען גוט לייענען און שרייבן אויף ענגליש וועט עס פאר אייך זיין א הילף אין געשעפט און עס וועט אייך מאכן מער זעלבסט־שטענדיק.

איבער דער שול־געביידע פלאטערט די פאן פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע. אונטער איר שוץ געפינט זיך דער בעסטער סיסטעם פון פרייע דערציאונג וואס איז פאראן אויף דער וועלט. באנוצט זיך דערמיט. עס געהערט צו אייך און צו אייערע קינדער. פון אייך ווערט דערווארטעט איר זאלט געבן צו אייער לאנד אייער איבערגעבנקייט און לאיאליטעט.

געדענקט פאלגענדעס:

איר זייט ניט קיין איטאליעניש־אמעריקאנער.

איר זייט ניט קיין שפאניש־אמעריקאנער.

איר זייט ניט קיין דייטש־אמעריקאנער, אדער וועלכער אנדערער מין געמישטער אמעריקאנער.

איר זייט אן אמעריקאנער

די שבועה פון בירגערשאפט

(גענומען ווען מען ווערט נאטוראליזירט)

„דערמיט נעם איך א שבועה, אז איך זאג זיך אפ, אבסאלוט און פאלקאמען, פון איבערגעבנקייט און געטריישאפט צו אן אויסלענדישן פרינץ, הערשער, שטאט אדער מאכט פון וועמען, אדער וועלכער איך בין ביז איצט געווען אן אונטערטאן אדער בירגער; אז איך וועל אויפ־האלטן און פארטיידיקן די קאנסטיטוציע און די געזעצן פון די פאר־אייניקטע שטאטן פון אמעריקע געגן אלע שונאים, אויסלענדישע און היימישע, אז איך וועל פילן אמת'ע געטריישאפט און איבערגעבנקייט צו דער קאנסטיטוציע און די געזעצן; און אז איך נעם אויף זיך פריי די פארפליכטונג, אן שום גייסטיקע רעזערוואציעס אדער מיט דעם

צוועק זיך אויסדרייען מיט תירוצים: אזוי זאָל מיר גאָט העלפן."

דאָס איז אַ פייערליכע דערקלערונג אַז איר רופט גאָט צו עדות אַז איר גיט אויף פולשטענדיק, מיט אייער אייגענעם פרייען ווילן, אייער בירגער־שאַפט אין אַן אַנדער לאַנד, אייער געטריישאַפט צו אַן אויסלענדישן הער־שער וועמעס אונטערטאַן איר זייט געווען.

איר פאַרשפּרעכט אויף אייער ערנוואָרט אַז איר וועט אויפהאַלטן און פאַרטיידיקן די קאָנסטיטוציע און די געזעצן פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע געגן אַלע שונאים. איר טוט עס לויט אייער אייגענעם באַ־שלוס, און איר האַלט קיין זאַך ניט צוריק אין אייער געדאַנק. איר רופט צום אַלמעכטיקן גאָט ער זאָל זיין אַן עדות צו אייער שבועה.

אויב איר נעמט די דאָזיקע שבועה מיט דעם צוועק אָפּצונאַרן, זייט איר אַ פאַרברעכער צו דעם לאַנד וואָס איר האָט אַדאָפּטירט. איר ווערט אַ בירגער ווייל דאָס איז געווען אייער טייערסטער וואונטש, און ניט ווייל עמיצער האָט עס אייך געצוואונגען צו טאָן.

עס איז ניטאָ קיין שטאָלצערער טיטל ווי „בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע". עס איז איצט אייערס.

פראַגעס

ווען איר נעמט די שבועה פון בירגערשאַפט, וואָס איז דער ערשטער פאַר־שפּרעכן וואָס איר מאַכט?

וואָס זיינען די אַנדערע פייערליכע פאַרשפּרעכנס וואָס איר מאַכט?

זייט איר שולדיק פאַר דעם אַלמעכטיקן גאָט פון צוריקהאַלטן עפּעס אין אייער געדאַנק בעת איר האָט גענומען די שבועה? אויב יאָ, זייט איר באַגאַנגען אַ פאַרברעכן.

דער גלויבן פון דעם אמעריקאנער

א דערקלערונג וועגן איבערצייגונג

איך גלויב אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע אַלס אַ רעגירונג פון דעם פאָלק, דורך דעם פאָלק, פאַר דעם פאָלק; וועמעס גערעכטע מאַכט שטאַמט פון דער צושטימונג פון די וואָס ווערן רעגירט; אַ דעמאָקראַטיע אין אַ רעפּובליק; אַ הערשענדע נאַציע פון פילע זעלבסטהערשענדע שטאַטן; אַ פאָלקאָמענער בונד, איינין און אומצוטיילבאַר; באַגרינדעט אויף די פּרינ־ציפּן פון פרייהייט, גלייכהייט, גערעכטיקייט און מענטשליכקייט פאַר וועלכע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס און פאַרמעגנס.

דעריבער גלויב איך אַז עס איז מיין פליכט צו מיין לאַנד איך זאָל עס האָבן ליב; צו אונטערשטיצן איר קאָנסטיטוציע; אויספאָלגן אירע געזעצן; רעספּעקטירן איר פאָן; און צו באַשיצן איר געגן אַלע שונאים.

וויליאם טיילער פּיידזש.

דער גלויבן פון דעם אמעריקאנער

איך גלויב—

קודם כל, גלויבן מיר אין געוויסע זאַכן. סיידן מיר גלויבן אין זיי קענען מיר זיי ניט געבן אונזער ליבע און געטריישאַפט, איז עס דעריבער זייער וויכטיק צו וויסן אין וואָס מיר גלויבן.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע אַלס אַ רעגירונג פון דעם פאָלק, דורך דעם פאָלק, פאַר דעם פאָלק;—

דאָס איז אונזער רעגירונג, באַשאַפן פון אונז און פאַר אונזער אייגענעם וואוילזיין. די גאַנצע מאַכט פון דער רעגירונג קומט פון אונז. עס איז דעריבער זייער וויכטיק אַז מיר זאָלן זיין באַקאַנט מיט דער פאָרם פון רעגירונג וואָס מיר האָבן באַשאַפן, וואָס אירע צילן זיינען און וואָס אונזערע אינדיווידועלע פאַראַנטוואָרטליכקייטן צו דער רעגירונג זיינען—ווי אַזוי מיר וועלן עס אויפהאַלטן.

וועמעס גערעכטע מאַכט שטאַמט פון דער צושטימונג פון די וואָס ווערן רעגירט; אַ דעמאָקראַטיע אין אַ רעפּובליק;—

אַ רעגירונג פון, דורך, און פאַר יעדן יחיד, אָבער אָנגעפירט דורך די יעניקע וועמען מיר דערוויילן אונז צו פאַרטרעטן. יעדער יחיד באַ־שטייט ניט אַז ער האָט דאָס רעכט אַליין צו פאַרוואַלטן מיט די אנגע־

לעגנהייטן פון דער רעגירונג, נאָר ער טראָגט די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די יעניקע וועמען ער האָט אויסגעוויילט צו רעגירן אין זיין נאָמען.

אַ הערשנדע נאַציע—

אונזער נאַציע איז באַשאָנקען געוואָרן דורך דער קאָנסטיטוציע מיט געוויסער מאַכט און פאַראַנטוואָרטליכקייטן וואָס געהערן צו איר אַליין —די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון די יעניקע וואָס ווערן דערוויילט צו זיין אַ טייל פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג.

פון פילע זעלבסטהערשענדע שטאַטן;—

יעדער שטאַט באַזיצט די אָטאָריטעט אין אַלע ענינים וואָס זיינען ניט אָנפאַרטרויט געוואָרן צו דער נאַציאָנאַלער רעגירונג, אָדער וואָס דאָס פאָלק באַטראַכט אַלס „אומבאַשטרייטבאר" און גיט זיי ניט איבער צו קיין שום טייל פון דער רעגירונג.

אַ פאָלקאָמענער בונד, איייניק און אומצוטיילבאר;—

די 48 שטאַטן שטעלן צוזאַמען די פאַראייניקטע שטאַטן, איין נאַציע. קיין שטאַט קען זיך ניט צוריקציען פון דעם בונד, ווייל די נאַציע איז איינס. דער בירגער־קריג איז אויסגעקעמפט געוואָרן כדי צו באַ־שטימען אויב דער בונד קען זיך האַלטן אָדער ניט. עס איז באַוויזן געוואָרן אַז ער איז אייניק און אומצוטיילבאר.

באַגרינדעט אויף די פרינציפּן פון פרייהייט, גלייכהייט, גערעכטיקייט און מענטשליכקייט פאַר וועלכע אַמעריקאַנער פאַטריאָטן האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס און פאַרמעגנס.—

די פרינציפּן פון דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט זיינען די פרינציפּן אויף וועלכע די נאַציע איז עטאַבלירט געוואָרן.

דעריבער גלויב איך—

דערפאַר ווייל דאָס איז מיין אייגענע רעגירונג וועלכע איז אַזוי צו־זאַמענגעשטעלט אַז זי באַשיצט מיין פרייהייט און די פרייהייט פון יעדן אַנדערן יחיד אין אירע גרעניצן—

איז עס מיין פליכט צו מיין לאַנד איך זאָל עס האָבן ליב; צו אונטערשטיצן איר קאָנסטיטוציע; אויספאָלגן אירע געזעצן; רעספּעקטירן איר פאָן; און צו באַשיצן איר געגן אַלע שונאים.



פרייהייטס-גלאָק

דער פרייהייטס-גלאָק האָט געקלונגען ווען עס איז פראָקלאַמירט געוואָרן די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט. דער גלאָק איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אין דעם טורעם פון אינדעפּענדענס האָל, דעם 7טן יוני, 1753. אַ פּסוק פון ויקרא, דער דריטער ספר פון חומש (דער אַלטער טעסטאַמענט), איז אויסגעקריצט אויף דעם גלאָק. עס לייענט זיך אַזוי: „פּראָקלאַמירט פרייהייט איבער דעם לאַנד פאַר אַלע אירע באַוואוינער". (וקראתם דרור בארץ לכל יושביה", ויקרא, כה : י).

דעם 18טן סעפּטעמבער, 1777, איז דער גלאָק אַריבערגעפירט געוואָרן קיין אַלענטאַון, פּענסילווייניע, צו פאַרהיטן ער זאָל ניט אַריינפאַלן צו די ענגלענדער. דער גלאָק איז באַהאַלטן געוואָרן אונטער דעם דיל פון דער „זייאָן רעפאָרמד טשוירטש" ביז דעם 27טן יוני, 1778, ווען ער איז צוריק געבראַכט געוואָרן אין אינדעפּענדענס האָל.

דער היסטאָרישער און באַליבטער גלאָק פלעגט געקלונגען ווערן צו יעדן יאָר־פעסט ביז דעם 8טן יולי, 1835. בעת דער לויה פון הויפּט-ריכטער מאַרשאַל, ווען זיין קערפּער איז גענומען געוואָרן פון פילאַדעלפיע צו זיין געבורט-שטאַט ווירדזשיניע, האָט דער גלאָק זיך צעשפּאַלטןביים קלינגען. דער גלאָק געפינט זיך איצט אין אַ צימער אויף דעם ערשטן שטאָק פון אינדעפּענדענס האָל.

דעם בירגער'ס פאַראַנטוואָרטליכקייט

„וואָס קען זיין וויכטיקער פאַר יעדן בירגער פון דער רעפּובליק ווי די דויערהאַפטיקייט פון די אינסטיטוציעס וועלכע באַשיצן זיין לעבן, זיין פרייהייט און זיין אייגענטום? וואָס קען זיין פון מער אומשעצבאַרן ווערט ווי די נאַציאָנאַלע אידעאַלן און טראַדיציעס וועלכע האָבן געשאַפן פאַר דער נאַציע דאָס שטאָלצע פּלאַץ וואָס זי פאַרנעמט אין דער געשיכטע? דאָך, ווי ווייניק דער דורכשניטליכער מאַן אָדער פרוי טראַכט וועגן דער וויכטיקסטער פון אַלע פראַגן וואָס רירט אָן די טייערסטע זאַכן אין לעבן.

„רעגירונגען קענען זיך אַליין ניט איינהיטן. זיי קענען באַשיצט ווערן בלויז דורך דער וואַכזאַמקייט פון די יעניקע ווען עס איז אָנפאַרטרויט געוואָרן די אויפזיכט. אויף אייך, אַ בירגער פון דער רעפּובליק, ליגט אַ פאַראַנטוואָרטליכקייט וואָס קען ניט אָפּגעוואָרפן ווערן אָן שטעלן אין געפאַר אייער לאַנד."

מיר קלייבן אויס די מענטשן וואָס פאַרטרעטן אונז אין דער רעגירונג דורך שטימען פאַר זיי אין די רעגולערע וואַלן. עס איז העכסט וויכטיק צו זיין אַ קוואַליפיצירטער וויילער און עס גיט אונז די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון אויסקלייבן די בעסטע מענער און פרויען צו פאַרטרעטן אונז. עס איז אונזער פליכט צו שטימען, און צו לערנען אַלץ וואָס מען קען וועגן די מענטשן פאַר וועמען מיר גייען שטימען.

יעדער שטאַט האָט דאָס רעכט צו באַשטימען וועלכע קוואַליפיקאַציעס זיינע בירגער מוזן באַזיצן כדי צו קענען שטימען.

די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן גאַראַנטירט אַז דאָס רעכט צו שטימען קען ניט צוגענומען ווערן פון אַ בירגער צוליב ראַסע, קאָליר, געשלעכט אָדער פריערדיקע לאַגע פון דינערשאַפט (שקלאַפעריי).

די פאָלגענדע פערזאָנען קענען ניט שטימען:

פערזאָנען אונטער דעם עלטער פון 21 יאָר.
פאַרברעכער.
די וועלכע זיינען ניט קיין בירגער.
משוגעים אָדער שוואַכזיניקע פערזאָנען.

איניקע שטאַטן האָבן אַ געזעץ אַז דער וויילער מוז קענען לייענען און שרייבן.

זייט אַ בירגער. עס איז אייער רעגירונג. זעט עס זאָל אַרבעטן.

„איזמען" זיינען ניט אַמעריקאַניש

די פאָרם פון רעגירונג פון דער נאַציע גיט די בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן מער פרייהייט און מער וואוילשטאַנד ווי עס ווערט געגעבן צו יעדן אַנדער פאָלק אויף דער וועלט. פאַרוואָס? ווייל די העכסטע מאַכט געהערט צום פאָלק אַליין, און וואָס פאַר אַ פּאָליטישע פּאַרטיי עס זאָל ניט זיין אין קאָנטראָל אין וואַשינגטאָן, אָדער וואָס פאַר אַ פּאָליטישע פּאַרטיי עס זאָל ניט זיין אין מאַכט אין יעדער פון די 48 שטאַטן, האָט דאָס פאָלק די קראַפט אַוועק־צונעמען די מאַכט פון די פּערזאָנען אין דער צייט פון וואַלן און שטימען פאַר אַ פולשטענדיק נייער גרופּע. אויב די מאַיאָריטעט פון די בירגער זיינען ניט צופרידן מיט זייערע באַאַמטע, אָבער זיי טוען גאָרניט וועגן דעם ווען זיי האָבן די געלעגנהייט, פאַלט די שולד פאַר דער שלעכטער סיטואַציע אויף זיי און ווייטער אויף קיינעם ניט.

פון דעם סאַמע אָנפאַנג פון דער נאַציע האָבן עקזיסטירט גרופּעס וועלכע האָבן פּרובירט בייטן די פאָרם פון רעגירונג. כדי צו פאַרמיידן אַזאַ קאַ־טאַסטראָפע איז וויכטיק צו פאַרשטיין וואָס די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן באַט אָן צו אירע בירגער און פאַרגלייכן עס מיט די פאַרשיידענע „איזמען" וועלכע ווילן אַן איבערבייט. קאָמוניזם, סאָציאַליזם, פאַשיזם, נאַציזם — קיינע פון זיי געהערט ניט צו די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמע־ריקע. יעדע פון די „איזמען" איז דער רעזולטאַט פון דורכפאַל. יעדע פון זיי וואָלט געמאַכט אַ סוף צו די פרייהייטן פון דעם פאָלק.

עקאָנאָמישע סיסטעמען

עקאָנאָמישע סיסטעמען באַשעפטיקן זיך מיט דעם איינקונפט און אויס־גאַבן פון פעלקער. זיי באַזאָרגן געלט אָדער אַרטיקלען פאַר דער נויטווענ־דיקייט פון דעם פאָלק, דורך פּריוואַטער אינדוסטריע (ביזנעס) אָדער דורך רעגירונגס־פּראָיעקטן. די פרייהייט און דער וואוילשטאַנד פון דעם פאָלק זיינען געווענדט אָן וועלכן סיסטעם מען פאָלגט נאָך. דריי הויפּט עקאָנאָ־מישע סיסטעמען עקזיסטירן היינט אין דער וועלט. זיי זיינען קאַפּיטאַליזם, אונטער וועלכער די פאַראייניקטע שטאַטן און אַנדערע דעמאָקראַטישע לענ־דער האָבן געמאַכט פאָרטשריט; קאָמוניזם (דיזעלבע פילאָזאָפיע ווי סאָ־ציאַליזם), וואָס ווערט נאָכגעפאָלגט אין רוסלאַנד; און פאַשיזם (אָדער נאַ־ציזם), וואָס איז געווען דער איינציקער סיסטעם וועלכער איז דערלויבט געוואָרן אין דייטשלאַנד איידער דער זיג פון די אַליאירטע לענדער האָט געמאַכט אַ סוף צו היטלער'ס הערשאַפט.

אונטער קאַפּיטאַליזם, זיינען פּריוואַט־אייגנטום און דאָס רעכט פון

דעם אייגנטימער צו באַשטימען וואָס ער זאָל פּראָדוצירן די הויפּט שטריכן. די רעגירונג דאַרף רעגולירן די אינדוסטריע, אָבער צופיל מישן זיך מצד פּאָליטישע באַאַמטע אַנטמוטיקט דעם וואוקס פון געשעפט און שטערט דעם יחיד פון קריגן זיין פולן חלק פון דעם פאַרדינסט פון זיין אייגענער אַרבעט. פּראָפיט פון אַ געשעפט וואָס ווערט ריכטיק רעגולירט גייט פאַר ביידן: צום אייגנטימער און צום אָנגעשטעלטן, אין דער פאָרם פון יער־ליכע דיווידענדן אָדער געהאַלט. אומנויטיקע באַגרעניצונגען פאַרקלענערן דעם איינקונפט פון ביידע, און סוף־כל־סוף ליידט דאָס גאַנצע פאָלק צוליב דעם נידעריקערן לעבנס־סטאַנדאַרד. חוץ אין צייטן פון מלחמה נויטפאַלן, איז ביזנעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן פריי צו קענען אָנגיין אונטער פּריוואַטן אייגנטום. ביזנעס ווערט געפירט אויף אַ טיכטיקן אופן אונטער קאַפּיטאַליזם ווייל אַ גינסטיקער פּראָפיט איז די באַלוינונג. ביים אָנהויב פון דער מלחמה האָבן צוויי פון יעדע ניין אַמעריקאַנער געהאַט אַן אָטאָ־מאָביל, בעת אין די פיר נעקסטע פירנדע לענדער איז דער דורכשניט געווען איין אָטאָמאָביל פאַר יעדע 32 פּערזאָן. דער מעכאַנישער אייז־קאַסטן, די ראַדיאָ און פילע אַפּאַראַטן פאַר הויז־ווירטשאַפט וועלכע זיינען כמעט אומבאַקאַנט אין אַנדערע לענדער, ווערן שוין פון לאַנג באַטראַכט אַלס נויטווענדיקייטן פון דער מאַיאָריטעט פון די פאַמיליעס אין לאַנד. כדי זיי אויסצובעסערן און פּראָדוצירן האָט זיך געפאָדערט פּריוואַטער קאַפּיטאַל און אַן אַוואַנטוריסטישער גייסט. שטאַטס־באַזיץ פון די אינדוסטריעס וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געקענט דערגרייכן ווייל אונטער שטאַטס־באַזיץ ווערט אַ גרויסע צאָל פון דער באַפעלקערונג פאַרוואַנדלט אין פּאָליטישע באַלעבאַטים און עס ווערן באַנוצט פאַרשווענדערישע מעטאָדן אין פאַר־בינדונג מיט דעם קהל׳שן געלט. אין גיכן ווערט דעם פאָלק׳ס רייכטום פאַרמינערט און אַלע מענטשן ליידן פון אַ נידעריקערן לעבנס־סטאַנדאַרד. מענטשן זיינען ניט פאַראינטערעסירט צו פּראָדוצירן ווען זיי קענען ניט האָבן קיין פּראָפיט—בלויז אַן אָרימע עקזיסטענץ, אָן שום אַמביציע.

אַ קאַפּיטאַליסטישע פאָרם פון רעגירונג, אַזוי ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מיינט אַ רעגירונג וואו פּריוואַטע אונטערנעמונג ווערט דערמוטיקט און באַשיצט. אַ מענטש איז אַ „קאַפּיטאַליסט" אויב ער האָט אינוועס־טירט געלט אין אַ ביזנעס, אין רעגירונגס־באָנדס אָדער אַנדערע שפּאָר־מיט־לען פון וועלכע ער קריגט אפילו אַ זייער קליינעם פּראָפיט.

קאָמוניזם פאָדערט אַז דער שטאַט זאָל באַזיצן און קאָנטראָלירן די גאַנצע אינדוסטריע. אַ סאָציאַליסטישער שרייבער שילדערט שטאַטס־באַזיץ אין די פאָלגנדע ווערטער: „אַ הוט איז אַ פּערזענליכער אַרטיקל און געהערט

איינגנטליך צום יחיד. אבער א הוט־פאבריק איז פאר דעם וואוילזיין פון דער באפעלקערונג און דארף געהערן און אנגעפירט ווערן דורך דעם שטאט.״ ער רעכנט אויס פילע אנדערע אינדוסטריעס, ווי צום ביישפיל די אטאמאביל פאבריק, און דערקלערט אז „יעדער איינקונפט וואס ווערט ערוואָרבן דורך פארדינסט, אזוי ווי דירה־געלט, דיווידענדן, און ענליכע״ געהערן צום שטאט כדי צו ווערן באנוצט פאר דעם וואוילזיין פון אלעמען. בקיצור, בלויז דער מענטש וואס ארבעט בוכשטעבליך מיט זיינע הענט אדער מוח געפינט א פלאץ אין דער סארט עקאנאמיע. די אלטע לייט און די קראנקע וועלן לעבן אויף א סובסידיע פון דער רעגירונג, ווייל קיינער פון זיי וועט ניט קענען אפשפארן פאר דער צוקונפט. מען האט שוין עקספערימענטירט מיט דער פארם פון רעגירונג, אבער עס האט זיך נאך דערוויילע ניט איינגעגעבן. אומבאגרעניצטע מאכט פירט צו עגאאיזם און גיריגקייט, און סוף־כל־סוף צו גרויזאמער דיקטאטור.

פאשיזם און נאציזם זיינען דיקטאטורן וועלכע זיינען ניט ווייניקער גרויזאם ווי דער קאמוניסטיש־סאציאליסטישער סיסטעם, און אונטער זיי האט דאס פאלק ניט קיין אמת׳ע פרייהייט. פאשיזם דערלויבט פריוואטן באזיץ פון אייגנטום, אבער די רעגירונג קאנטראלירט די פראדוקציע און די פארטיילונג פון די פראדוקטן. היטלער׳ס הערשאפט אין דייטשלאנד האט געוויזן דער וועלט ווי אזוי פאשיזם ארבעט און ווי בירגער וועלכע האבן זיך אנטקעגנגעשטעלט האבן געמוזט ליידן. די פרייהייט פון דעם פאלק איז געווען געענדיקט ווייל עס איז מער קיינער ניט פארבליבן וואס זאל וואגן אויפצוהייבן זיין שטימע פאר זייערע רעכט. בלויז איין פאליטישע פארטיי האט געהאט אן איינפלוס, און וואלן זיינען געווען בלויז א פארשטעלונג כדי אפצונארן די וועלט. אזעלכע פאליטיקער האלטן זיך אין דער מאכט ווייל דאס פאלק האט ניט קיין שום וועג ווי אזוי פטור צו ווערן פון זיי, סיידן דורך גוואלד.

פאליטישע סיסטעמען

כדי אן עקאנאמישער סיסטעם זאל קענען פונקציאנירן מוז עקזיסטירן קאנטראל פון אויבן. דא מוז דער עקאנאמישער און דער פאליטישער סיסטעם ארבעטן צוזאמען. אויב די געזעצן פון דעם לאנד זיינען געשריבן געווארן פאר דעם וואוילזיין פון דעם פאלק, וועלן זיי באזארגן פרידליכע מיטלען דורך וועלכע אומפאסיקע הערשער וועלן קענען ארויסגעזעצט ווערן פון זייערע אמטן, עס מאכט ניט אויס וואס דער עקאנאמישער סיסטעם אונטער וועלכן זיי לעבן זאל ניט זיין. ווי פריער באמערקט, בלויז איין פא־

ליטישע פּאַרטיי האָט אַ געלעגנהייט צו עקזיסטירן אונטער אַ דיקטאַטור, דעריבער וואָלט דאָס פאָלק געהאַט אַ גאַנץ שווערע אויפגאַבע אין אַ פאַרזוך צו ענדערן דעם עקאָנאָמישן סיסטעם אפילו ווען עס זאָל עס וועלן טאָן. אין דייטשלאַנד, האָט די נאַצי פּאַרטיי ניט אין גאַנצן אָפּגעשאַפט דעם קאַפּיטאַליזם, אָבער האָט געמאַכט אוממעגליך פאַר מענטשן וועלכע האָבן געהאַט אייגענטום צו קאָנטראָלירן עס ווייל איין פּאָליטישע פּאַרטיי האָט געהאַט די גאַנצע מאַכט און קיין אָפּאָזיציע פּאַרטיי איז ניט געווען דער-לויבט. די קאָמוניסטן נעמען אוועק דאָס רעכט פון באַזיץ און גיבן עס איבער צום שטאַט, און די נאַצים נעמען אוועק דעם קאָנטראָל און גיבן עס איבער אין די הענט פון זייער אייגענער פּאָליטישער פּאַרטיי. איןביידע פאַלן איז די שטראָף זייער אַ האַרבע פאַר די יעניקע וואָס וואַגן זיך אַנט-קעגנשטעלן. די געשיכטע לערנט אַז דאָס פאָלק ווערט פאַרוואַנדלט אין שקלאַפן פון דער רעגירונג ווען עס ווערט ביי זיי צוגענומען זייער רעכט צו באַזיצן אייגענטום. דאָס איז דער ערשטער שריט גענומען צו ווערן פון דיקטאַטאָרס.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען פאַראַן פילע פּאָליטישע פּאַרטייען, און אין דער צייט פון וואַלן קען מען הערן פאַרשיידענע מיינונגען איבער פּאָליטישע פראַגן. הגם עס איז דערלויבט פאַר פאַרשיידענע פּאַרטייען צו עקזיסטירן, זיינען אָבער פאַראַן צוויי הויפּט פּאַרטייען וואָס האָבן די שטיצע פון דער מאַיאָריטעט פון דעם פאָלק. אָבער וועלכע פּאָליטישע פּאַרטיי עס זאָל ניט זיין אין אַמט אין לאַנד, בלייבט דער עקאָנאָמישער סיסטעם אַלץ דערזעלבער ווייל די קאָנסטיטוציע, וואָס איז דאָס העכסטע געזעץ פון לאַנד, איז געשריבען געוואָרן פון מענטשן וואָס האָבן געגלויבט אין דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם און דאָס פאָלק וויל דער סיסטעם זאָל פאַרבלייבן. דאָס רעכט פון פאָלק צו באַזיצן אייגענטום און צו באַשיצן עס איז אַ טייל פון דעם געזעץ. דאָס געזעץ וואָלט געדאַרפט געענדערט ווערן אויב די מאַיאָריטעט פון דעם פאָלק וואָלט באַשטימט צו האָבן אַן אַנדער סיסטעם, אָבער דאָס קען געטאָן ווערן בלויז דורך לאַנגע און שווערע פּראָצעדורעס. דאָס וואָלט גענעבן די בירגער גענוג צייט דורכצוטראַכטן דאָס פּראָבלעם איידער דער וואוילזיין פון דער נאַציע וואָלט געשטערט געוואָרן.

די אַמעריקאַנער פאָרם פון רעגירונג

די גרינדער פון דער רעפּובליק האָבן ניט געגלויבט אין דיקטאַטור. זיי האָבן געוואוסט פון דערפאַרונג ווי אַזוי פרייהייט ווערט צוגערויבט אונטער אַ טיראַנישן רעזשים, ווייל די מערסטע פון זיי האָבן פאַרלאָזט אייראָפּע

כדי צו אַנטלויפן פון דער אומגליקליכער לאַגע. במשך פון 170 יאָר איי־דער די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז אָנגעשריבן געוואָרן, האָבן די באַוואוינער פון די דרייצן קאָלאָניעס געלעבט אונטער אַ דעמאָ־קראַטישער רעגירונג און זיי האָבן געוואוסט וואָס אמת'ע פרייהייט מיינט פאַר דעם פאָלק. ווען זיי האָבן באַשלאָסן צו פאַראייניקן די קאָלאָניאַלע רעגירונגען אין איין נאַציע האָבן זיי ניט געביטן די פאָרם פון רעגירונג, נאָר בלויז אויסגעברייטערט איר. די פרייהייט פון דעם פאָלק איז אָפּגעהיט געוואָרן, און דעם פאָלק איז געגעבן געוואָרן דאָס רעכט צו דערוויילן זיינע פירער און צו אַנטזאָגן זיך זיי ווידער־דערוויילן ווען עס פאַרלאַנגט אַן אי־בערבייט. די גרינדער האָבן פאַרשטאַנען אַז ווען די נאַציע וועט ווערן גרעסער וועט עס ווערן שווערער פאַר די בירגער צו האַלטן אַן אויג איבער די האַנדלונגען פון די פירער אין דער נאַציאָנאַלער הויפּט־שטאָט. דעריבער, האָבן זיי איינגעשטעלט קלענערע אָפּטיילונגען פון דער רעגירונג אין דער פאָרם פון שטאַטן. זיי האָבן באַשטימט אַ גרעניץ אויף דער מאַכט פון די נאַציאָנאַלע פירער און פון די שטאַט-רעגירונגען, און האָבן געגעבן דעם פאָלק דאָס רעכט צו לאָזן וויסן זייערע מיינונגען דורך פאַרשטייער אויס־דערוויילט פון זיי אין זייערע שטאַטן און אין זייערע לאָקאַלע קהילות. אויף דעם אופן, רעדט דער קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן דירעקט פאַר דעם פאָלק בעת ער באַשאַפט געזעצן צו פאַרוואַלטן דאָס לאַנד. אין יעדע פון די 48 שטאַטן עקזיסטירט אַ געזעצגעבנדע קערפּערשאַפט, אָדער אַ גענעראַל אַסעמבלי, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשטייער דער־וויילט פון דעם פאָלק אין זייערע אייגענע קהילות. אין יעדער גרויסער שטאָט איז פאַראַן אַ שטאָט־פאַרוואַלטונג וואָס ווערט אויסגעקליבן אויף דעמזעלבן דעמאָקראַטישן אופן. אונטער אַזאַ רעפּרעזענטאַטיווער פאָרם פון רעגירונג זיינען די אויסזיכטן זייער קליין פאַר אַ פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער אַ גאָווערנאָר פון אַ שטאַט, אָדער אַ בירגער־מייסטער פון אַ שטאָט, צו ווערן אַ דיקטאַטאָר.

די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע איז אַ רעפּובליק אין אַ דע־מאָקראַטיע, און זי האָט אַ רעפּרעזענטאַטיווע פאָרם פון רעגירונג. דער מעטאָד מיינט מער טיכטיקייט אין דער רעגירונג אין לויף פון דער צייט, און עס דערלויבט דעם פאָלק די מאָס פרייהייט וואָס שטעלט מיט זיך פאָר גליק און וואוילשטאַנד. דאָס פאָלק האָט דאָס רעכט צו דערוויילן געלערנטע מענער און פרויען וואָס זיינען געשולט אין רעגירונגס־פּראָצעדורע און וויסן די געזעצן פון לאַנד. אַזעלכע פאַרטרעטער זיינען בעסער אים־

שטאַנד צו באַשיצן דעם וואוילזיין פון דעם פאָלק ווי עס קען געטאָן ווערן אונטער אַ טאָטאַליטאַרישער רעגירונג.

די מענער און פרויען וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף דעם לאַנד מיט הונדערטער יאָרן צוריק זיינען געקומען קיין אַמעריקע צו האָבן די פריי־הייט צו דינען גאָט אַזוי ווי זיי האָבן געוואָלט. זיי האָבן אויסגעקליבן קאַפּיטאַליזם אַלס דער עקאָנאָמישער סיסטעם אונטער וועלכן צו פאַרדינען אויפ'ן לעבן ווייל זיי האָבן געוואוסט אַז בלויז דער סיסטעם אַליין קען זיי געבן די געוואונשטע פרייהייט. זיי זיינען געקומען צו געניסן דעם לוין פון זייער אייגענער אַרבעט. זיי האָבן געגרינדעט אַ נאַציע פון זייער אייגענעם אויסוואַל, און יענער אויסוואַל איז געווען באַזירט אויף דעם פּרינציפּ פון אייגענטום־רעכט און דאָס רעכט פון דער מאַיאָריטעט אויסצוקלייבן זיינע אייגענע פירער דורך געהיימע וואַלן. זייער אויסוואַל פון אַ פּאָליטישן סיסטעם איז געווען דער סיסטעם פון רעפּרעזענטאַטיווער רעגירונג ווייל זיי האָבן געוואוסט אַז בלויז דאָס איז דויערהאַפט, כאָטש דער פּראָצעס פון רעגירן קען זיין לאַנגזאַמער ווי אונטער אַ דיקטאַטור. די מענער און פרויען וועלכע זיינען געקומען שפּעטער צו די ברעגן פון דעם לאַנד און וועלכע האָבן באַערט דעם אָנדענק פון יענע פּיאָנערן־אימיגראַנטן דורך ווערן נאַטוראַליזירטע בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלן זיין באַווירקט מיט זייער אייגענער פאַראַנטוואָרטליכקייט צו זייער אַדאָפּטירט לאַנד. זיי ווערט אַנפאַרטרויט די אויפגאַבע צו האַלטן דאָס לאַנד פריי פון אַלע „איזמען" וואָס קענען דראָען די פאָרם פון רעגירונג וואָס האָט געגעבן מער פרייהייט צו אירע באַוואוינער ווי עס איז מעגליך צו געפינען אונטער וועלכער אַנדער סיסטעם אין דער וועלט.

די סטאטוע פון פרייהייט

אויף בעדלאו'ס אינזל, אין דעם האפן פון ניו־יארק, שטייט די שיינע סטאטוע פון פרייהייט. פילע פון אייך האבן עס געזען. די סטאטוע איז געגעבן געווארן פון דעם פראנצויזישן פאלק צום פאלק פון די פאראייניקטע שטאטן צו פייערן דעם הונדערט-יאריקן יובל פון אמעריקע'ס אומאפהענגיקייט און צו ווייזן די פריינדשאפט צווישן פראנקרייך און אמעריקע. איר וועט זיך דערמאנען אז פראנקרייך האט געשיקט א פלאטע און אן ארמיי צו העלפן אונז אין דער רעוואלוציאנערער מלחמה.

דאס ליכט וואס ברענט אין דעם פאקל וואס ווערט געהאלטן הויך אין דער לופטן ווערט געהאלטן אין כסדר'דיקער באלויכטונג דורך דער לייכטטורעם דינסט פון דער רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן.

פראגעס

וואָס איז דאָס העכסטע געזעץ פון לאַנד?
ווען איז די קאָנסטיטוציע אָנגענומען געוואָרן?
וויפל אפטיילונגען זיינען פאַראַן אין אונזער רעגירונג?
ווער האַלט דעם העכסטן אמט אין דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן?
וואָס זיינען זיינע פליכטן?
ווער איז איצט דער פּרעזידענט?
ווער איז דער נעקסטער העכסטער באאַמטער?
האָט ער וועלכע ספּעציעלע פליכטן?
קענט איר אָנרופן זיין נאָמען?
וואָס איז די דריטע אפטיילונג פון דער רעגירונג?
וואו ווערן אָפּגעהאַלטן די זיצונגען?
און וואָס באַשטייט זיין אַרבעט?
וויפל ריכטער זיינען פאַראַן אין דעם סופרים קאורט?
וואָס איז דער קאָנגרעס?
ווי אָפט האַלט ער אָפּ זיינע זיצונגען? וואו?
ווי אַזוי איז דער קאָנגרעס איינגעטיילט?
וויפל סענאַטאָרן זיינען פאַראַן אין דעם קאָנגרעס?
וויפל פון יעדן שטאַט?
רופט אָן די נעמען פון די סענאַטאָרן פון אייער שטאַט?
וויפל קאָנגרעסלייט זיינען פאַראַן אין קאָנגרעס?
ווער איז דער קאָנגרעסמאַן פון אייער דיסטריקט?
קען די קאָנסטיטוציע געענדערט ווערן?
אויף וועלכע אופנים קען די קאָנסטיטוציע געענדערט ווערן?
וואָס מיינט אַן אַמענדמענט?
וואָס איז דער „ביל אָוו רייטס" (געזעץ וועגן רעכטן)?
קענט איר אָנרופן וועלכע פון די רעכטן און פּריווילעגיעס וואָס דער ביל גאַראַנטירט אונז?
וועלכער דאָקומענט האָט דערקלערט אַז די דרייצן קאָלאָניעס זיינען פריי און אומאָפּהענגיק? ווען איז ער אונטערגעשריבן געוואָרן?
אין וועלכן טאָג פייערן מיר דעם געבורטסטאָג פון אונזער נאַציע?
רופט אָן די מלחמה אין וועלכער מיר האָבן געוואונען אונזער אומאָפּהענגיקייט פון ענגלאַנד.
ווער איז געווען דער גרויסער גענעראַל פון יענער מלחמה?
וועלכן אמט האָט ער שפּעטער באַטראָטן?

אויף וועלכע אופנים קען א מענטש ווערן א בירגער פון די פאראייניקטע שטאטן?
וואס פארשפרעכט איר פייערליך ווען איר ווערט א נאטוראליזירטער בירגער פון די פאראייניקטע שטאטן?
רופט אן די וויכטיקסטע פריווילעגיעס וואס ווערן אייך געגעבן ווען איר ווערט א בירגער. איר וועט געפינען די ענטפערס צו די פראגן אין די פארשיידענע אפטיילונגען פון דעם לערן־ביכל.

פארטייטשונג פון ווערטער

(א צעטל פון ווערטער וועמעס טייטש איר דארפט וויסן)

אומבאשטרייטבאר—דאס וואס קען ניט צוגענומען ווערן.
איינוויהונגס־רעדע—די רעדע וואס דער פרעזידענט האלט ווען ער ווערט איינגעשוואוירן אין זיין אמט.
איינקונפט־שטייער—דער שטייער וואס ווערט געצאלט צו דער רעגירונג באזירט אויף די פארדינסטן און פראפיטן.
אימיגראנט—א פערזאן וואס איז געקומען מאכן זיין היים אין א ניי לאנד.
אמענדמענט—אן איבערבייט אדער צוגאב. אן אמענדמענט צו דער קאנ־סטיטוציע איז אן ענדערונג וואס ווערט אפגעשטימט דורך דעם פאלק.
אמעריקאניזאציע—דער פראצעס פון ווערן א געטרייער אמעריקאנער בירגער.
אנארכיסט—א פערזאן וואס איז געגן ארגאניזירטער רעגירונג.
אסעמבלי—א גרופע מענטשן וואס האלטן אפ א פארזאמלונג.
ארטיקלען פון קאנפעדעראציע—די פארם פון רעגירונג אין די קאלאניעס; געשריבענע אפמאכן צווישן זיי ביז די קאנסטיטוציע איז אנגענומען געווארן.
באלאט—דער אפיציעלער פאפיר וואס ווערט געגעבן צו א וויילער אויף וועלכן ער פארצייכנט זיין שטימע.
בונד—א פאראייניקונג, אזוי ווי די שטאטן פון אונזער לאנד.
ביל אוו רייטס—די ערשטע צען אמענדמענטס צו דער קאנסטיטוציע.
בירגער—איינער וועלכער איז בארעכטיקט, דורך געבורט אדער נאטוראלי־זאציע, צו אלע רעכט און פריווילעגיעס וואס ווערן געגעבן דורך דער רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן.
דזשורי—געריכט־געשוואוירענע, מענער און פרויען וואס ווערן אויסגע־קליבן ביי געריכט־פראצעסן צו הערן די טענות און אורטיילן וועלכער צד איז גערעכט.

דעפּאַרטמענט—רעגירונגס־מיניסטעריום עטאַבלירט פאַר ספּעציעלע צוועקן, ווי דער אַגריקולטור־מיניסטעריום.

דעקלאַראַציע פון אומאפּהענגיקייט—אַ דערקלערונג אין וועלכער דער קאָנ־טינענטאַלער קאָנגרעס, ביי זיין זיצונג אין פילאַדעלפיע, האָט באַ־שטעטיקט אַז די 13 אַמעריקאַנער קאָלאָניעס זיינען פריי און אומ־אפּהענגיק פון ענגלאַנד. יולי 4, 1776.

דעקלאַראַציע פון אינטענשאָן—די ערשטע פּאַפּירן, די געשוואוירענע דער־קלערונג וואָס ווערט געמאַכט פון אַן אויסלענדער אַז ער האָט בדעה צו ווערן אַ בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

וויזע—אַן אָפיציעלע דערלויבניש לויט וועלכער אַן אויסלענדער קען אריינ־קומען אין אַ לאַנד.

וועטאָ—אַן אָפּזאָג גוטצוהייסן.

טשעקס און באַלאַנסעס—קאָנטראָלירן און באַלאַנסירן, מעטאָדן דורך וועלכע יעדע אָפּטיילונג פון דער רעגירונג, די עקזעקוטיווע, די לעגיס־לאַטיווע און די יורידישע, ווערט ניט דערלויבט צו קריגן מער מאַכט ווי די אַנדערע צוויי.

יורידיש—וואָס האָט צו טאָן מיט די געריכטן.

נאַטוראַליזאַציע—דער אופן ווי אַזוי אַן אויסלענדער ווערט אַן אַמערי־קאַנער בירגער.

סאָשעל סעקיוריטי—סאָציאַלע פאַרזיכערונג, וואָס באַשיצט ארבעטער געגן ארבעטסלאָזיקייט, קראַנקייט, עלטער, א. א. וו.

סואווערעניטעט—אַ מעכטיקער שטאַט.

סופרים—די העכסטע אַטאָריטעט.

עליען—אויסלענדער, איינער וואָס איז ניט קיין בירגער פון דעם לאַנד אין וועלכן ער וואוינט.

עלעקטאָרס—פּערזאָנען וואָס ווערן אויסגעקליבן פון די וויילער צו דער־וויילן אַ פּרעזידענט און וויצע־פּרעזידענט נאָך די רעגולערע וואַלן.

עקאָנאָמיקס—וואָס פאַרנעמט זיך מיט פּראָדוקציע און פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן פון אינדוסטריע און ארבעט.

עקזעקוטיוו—איינער וואָס באַזיצט די אַטאָריטעט איינצופירן געזעצן.

פּאַטריאָטן—מענטשן וועלכע האָבן ליב זייער לאַנד און שטודירן צו פאַר־בעסערן עס.

פּילגרימען—מענטשן וועלכע האָבן פאַרלאָזן ענגלאַנד און האָלאַנד צו געפינען רעליגיעזע פרייהייט.

פּעטיציע—אַ געשריבענע אַפּליקאַציע.


A D A
Duluth
Superior
INNESOTA
Minneapolis
St.Paul
WISCONSIN
Madison
Milwaukee
M I C H I G A N
Ishpeming
Grand Rapids
Lansing
Detroit
Sioux City
I O W A
Davenport
Des Moines
Chicago
Peoria
ILLINOIS
Springfield
Ft Wayne
INDIANA
Indianapolis
O H I O
Cleveland
Columbus
Cincinnati
Kansas City
Jefferson City
MISSOURI
St Louis
Evansville
Frankfort
Louisville
K E N T U C K Y
Paducah
WEST VIRGINIA
Charleston
Huntington
V I R G I N I A
Richmond
Roanoke
Norfolk
PENNSYLVANIA
Pittsburgh
Harrisburg
Philadelphia
Wheeling
Cumberland
Baltimore
Washington
MD.
DEL.
Annapolis
Dover
Wilmington
N.J.
Trenton
Newark
Jersey City
New York
N E W Y O R K
Buffalo
Albany
Rutland
Burlington
VT.
Montpelier
N.H.
Concord
Manchester
MAINE
Berlin
Augusta
Bangor
Portland
MASS.
Boston
Worcester
Springfield
Hartford
CONN.
R.I.
Providence
Newport
New Haven
Bridgeport
Nashville
Knoxville
TENNESSEE
Memphis
Winston-Salem
Raleigh
NORTH CAROLINA
Charlotte
Spartanburg
SOUTH CAROLINA
Columbia
Charleston
Ft Smith
Little Rock
ARKANSAS
Texarkana
MA
MISSISSIPPI
Jackson
Vicksburg
Meridian
Birmingham
ALABAMA
Montgomery
Mobile
Atlanta
Macon
GEORGIA
Savannah
Jacksonville
LOUISIANA
Baton Rouge
New Orleans
Shreveport
Tallahassee
F L O R I D A
Tampa
G U L F O F M E X I C O
A T L A N T I C O C E A N
0 100 200 300 400 500 MILES


PACIFIC OCEAN
CANADA
WASHINGTON
Seattle
Spokane
Olympia
Astoria
Portland
Salem
OREGON
IDAHO
Lewiston
Boise
Pocatello
MONTANA
Great Falls
Helena
Butte
NORTH DAKOTA
Minot
Bismarck
SOUTH DAKOTA
Aberdeen
Pierre
Sioux Falls
WYOMING
Sheridan
Casper
Cheyenne
NEBRASKA
Grand Island
CALIFORNIA
Sacramento
San Francisco
Los Angeles
NEVADA
Reno
Carson
Tonopah
UTAH
Ogden
Salt Lake City
Provo
COLORADO
Denver
Colorado Springs
Pueblo
KANS
Hutchinson
ARIZONA
Phoenix
Tucson
Bisbee
NEW MEXICO
Santa Fe
Albuquerque
Roswell
El Paso
Oklahoma City
OKLA
Ft Worth
TEX
San Antonio
MEXICO
EXPLANATION
• ..... STATE CAPITAL
o ..... IMPORTANT CITY
CONN... CONNECTICUT
DEL: .. DELAWARE
MD .... MARYLAND
MASS... MASSACHUSETTS
N.J..... NEW JERSEY
N.H.... NEW HAMPSHIRE
R.I..... RHODE ISLAND
VT. .... VERMONT

פראָפּערטי רעכט—רעכט וואָס איר באַזיצט איבער זאַכן וואָס געהערן צו אייך.
פריעמבל—הקדמה, אַריינפיר.
פעדעראל—אַן אָפּמאַך צווישן שטאַטן.
פעדעראַלע רעגירונג—אַ צענטראַלע רעגירונג וואָס אַרבעט אין איינקלאַנג מיט די שטאַט-רעגירונגען. די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז אַ פעדעראַלע רעגירונג.
קאָלאָניעס—די ערשטע ישובים אין דער טעריטאָריע וואָס איז איצט די פאַראייניקטע שטאַטן.
קאָנגרעס—די גרופּע געזעצגעבער, דער סענאַט און דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז וועלכע שאַפן די געזעצן פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן.
קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס—די רעגירענדע גרופּע וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון דעלעגאַטן פון אַלע קאָלאָניעס. ער האָט אָפּגעהאַלטן זיצונגען פון צייט צו צייט צווישן 1774 און 1789.
קאָנסטיטוציע—די געשריבענע רעגולאַציעס פון דער רעגירונג אויף וועלכע די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע איז באַגרינדעט. דאָס העכסטע געזעץ פון לאַנד.
קוואַליפיצירטער וויילער—איינער וועלכער איז נאָכגעקומען אַלע באַדינגונגען לויט די געזעצן וועלכע קאָנטראָלירן דאָס שטימרעכט.
קעפּיטאָל—די געביידע אין וועלכער דער קאָנגרעס האַלט אָפּ זיינע זיצונגען אין וואַשינגטאָן, ד. ק.
רעווענױ—דער איינקונפט פון דער רעגירונג.
רעוואָלוציע—אַ דערקלערונג פון אַן אָפיציעלער גרופּע וואָס ווערט אָנגענומען דורך אַן אָפּשטימונג.
רעפּובליק—אַ לאַנד וואָס ווערט רעגירט פון מענטשן וועלכע קריגן זייער מאַכט פון דעם פאָלק.
רעפּרעזענטאַנטן—פאָרשטייער, פּערזאָנען וואָס ווערן אויסגעקליבן צו האַנדלען אין נאָמען פון אַ גרויסער צאָל בירגער.
רעפּרעזענטאַנטן־הויז—איינע פון די אָפּטיילונגען פון קאָנגרעס.
שטייערן—געלט וואָס מיר מוזן צאָלן דער רעגירונג צו העלפן דעקן די קאָסטן.
שריפט פון הייבעאַס קאָרפּוס—אַ באַפעל פון געריכט אויפפאָדערנדיק אַז אַ פּערזאָן זאָל געבראַכט ווערן אַהין כדי דער ריכטער זאָל באַשטימען אויב ער איז אומגעזעצליך באַרויבט געוואָרן פון זיין פרייהייט—(זע דעם „ביל אָוו רייטס").

די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט

אין קאָנגרעס, יולי 4, 1776

די איינשטימיקע דעקלאַראַציע פון די דרייצן פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע

ווען, אין דעם לויף פון מענטשליכע געשעענישן, עס ווערט נויטיק פאַר איין פאָלק איבערצורייסן די פּאָליטישע פאַרבינדונגען וואָס עס האָט געהאַט מיט אַן אַנדער פאָלק, און אָננעמען צווישן די רעגירונגען אויף דער ערד אַ באַזונדערן און גלייכן שטאַנד צו וועלכן די געזעצן פון דער נאַטור און פון דער נאַטור'ס גאָט באַרעכטיקט זיי, איז עס זייער חוב אַלס אויסדרוק פון אַנשטענדיקן רעספּעקט צו די מיינונגען פון דער מענטשהייט צו דערקלערן די סיבות וואָס באַוואויגן זיי זיך אָפּצוטיילן.

מיר האַלטן אָט די אמת'ן אַלס זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַלע מענטשן זיינען באַשאַפן געוואָרן גלייך, אַז זיי זיינען באַשאָנקען געוואָרן דורך זייער באַשעפער מיט געוויסע אומבאַשטרייטבאַרע רעכט, אַז צווישן זיי זיינען דאָס רעכט אויף לעבן, פרייהייט און דאָס שטרעבן נאָך גליק. כדי צו פאַרזיכערן די רעכט, זיינען איינגעשטעלט געוואָרן רעגירונגען צווישן מענטשן וועלכע קריגן זייער באַרעכטיקטע מאַכט דורך דער צושטימונג פון די וועלכע ווערן רעגירט. ווען אירגענד וועלכע פאָרם פון רעגירונג זוכט צו פאַרניכטן די צילן, איז עס דאָס רעכט פון דעם פאָלק צו ענדערן אָדער אָפּשאַפן די רעגירונג, און עטאַבלירן אַ נייע רעגירונג, לייגן איר פונדאַמענט אויף אַזעלכע פּרינציפּן און אָרגאַניזירן די מאַכט אין אַזאַ פאָרם, וואס וועט לויט זייער מיינונג אַמבעסטן פירן צו זיכערקייט און גליק. פאָרזיכטיקייט וועט זיכער דיקטירן אַז לאַנג-עטאַבלירטע רעגירונגען זאָלן ניט געביטן ווערן צוליב לייכטע און פאַרבייגייענדיקע סיבות; און אַזוי נאָך האָט די דערפאַרונג באַוויזן, אַז די מענטשהייט איז גיכער גענייגט צו ליידן אַזוי לאַנג ווי מען קען די ליידן אַריבערטראָגן, איידער צו פאַרבעסערן זייער צושטאַנד דורך אָפּשאַפן די פאָרמען צו וועלכע זיי זיינען געוואוינט. אָבער ווען אַ לאַנגע קייט פון עולות און גוואַלדטאַטן, נאכפאָלגענדיק מיט באַשטענדיקייט דעם זעלבן צוועק, ווייזט אָן אויף אַ פּלאַן צו רעדוצירן זיי צו אַבסאָלוטן דעספּאָטיזם, איז עס זייער רעכט, איז עס זייער פליכט, אַרונטערצוװאַרפן אַזאַ רעגירונג און באַזאָרגן נייע שוץ-מיטלען פאַר זייער צוקונפטיקער זיכערקייט. אַזוי איז געווען דאָס געדולדיקע ליידן פון די קאָלאָניעס; און אַזוי איז איצט די נויטווענדיקייט וואָס צווינגט זיי צו ענדערן זייער פריער־

דיקע סיסטעם פון רעגירונג. די געשיכטע פון דעם איצטיקן קעניג פון גרויס־בריטאַניע איז אַ געשיכטע פון ווידערהאָלטע באַליידיקונגען און גוואַלדטאַטן, וואָס צילן אַלע דירעקט צו דער עטאַבלירונג פון אַן אַבסאָלוטער טיראַניי איבער די דאָזיקע שטאַטן. כדי דאָס צו באַווייזן, זאָלן די פאַקטן פאָרגעלייגט ווערן פאַר אַן אויפריכטיקער וועלט.

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון געבן זיין צושטימונג צו געזעצן, וועלכע זיינען די נוצליכסטע און נויטווענדיקסטע פאַר דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין.

ער האָט פאַרבאָטן זיינע גאָווערנאָרס אָנצונעמען געזעצן פון באַלדיקער און דרינגענדער וויכטיקייט, סיידן זיי וועלן אָפּהאַלטן און ניט איינפירן די געזעצן ביז וואַנען זיי וועלן קריגן זיין צושטימונג, און נאָכדעם ווי די געזעצן זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן האָט ער אין גאַנצן פאַרנאַכלעסיקט צו האַנדלען וועגן זיי.

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט גוטצוהייסן אַנדערע געזעצן פאַר דער באַקוועמ־ליכקייט פון דער באַפעלקערונג פון גרויסע דיסטריקטן, סיידן זיי וועלן אויפגעבן זייער רעכט פון פאַרטרעטערשאַפט אין דער געזעצגעבנדער קער־פּערשאַפט, אַ רעכט וואָס איז אומשעצבאַר פאַר זיי און וואָס בלויז טיראַנען קענען ניט נאָכקומען.

ער האָט צונויפגערופן געזעצגעבנדע קערפּערשאַפטן אין ערטער וואָס זיינען אומגעוויינטליך, אומבאַקוועם, און ווייט פון דעם פּלאַץ וואו עס געפינען זיך זייערע קהל'שע דאָקומענטן, צוליב דעם איינציקן צוועק פון פאַרמאַטערן זיי כדי זיי זאָלן צושטימען צו זיינע געזעצן.

ער האָט כסדר אויפגעלייזט רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפטן ווייל זיי האָבן באַקעמפט מיט שטאַנדהאַפטיקייט זיינע אָנגריפן אויף די רעכט פון דעם פאָלק.

פאַר אַ לאַנגער צייט נאָך די אויפלייזונגען האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו דערלאָזן אַז אַנדערע זאָלן דערוויילט ווערן; דעריבער זיינען די לעגיסלאַטיווע רעכט, וועלכע מ'האָט ניט געקענט פאַרניכטן, אומגעקערט געוואָרן צום פאָלק בכלל פאַר זייער געברויך; דער שטאַט איז דערווייל פאַרבליבן אויס־געזעצט צו אַלע געפאַרן פון אָנגריף אויסערליך, און פון אויפטרייסלונגען אינערליך.

ער האָט פּרובירט שטערן די שטאַטן פון ווערן באַפעלקערט; צוליב דעם צוועק האָט ער געשטערט די געזעצן פאַר נאַטוראַליזאַציע פון אויסלענדער; ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון גוטהייסן אַנדערע געזעצן כדי ניט צו דערמוטיקן

מיגראַציעס אַהער, און פון פאַרבעסערן די באַדינגונגען פון נייע לאַנד אַפּראָפּריאַציעס.

ער האָט געשטערט די אַדמיניסטראַציע פון גערעכטיקייט, דורך אָפּזאָגן זיין צושטימונג צו געזעצן צו עטאַבלירן יורידישע מאַכט.

ער האָט געצוואונגען ריכטער צו זיין אָפּהענגיק בלויז אָן זיין ווילן, פאַר דער דויערהאַפטיקייט פון זייער אַמט, און די סומע און אָפּצאָל פון זייער געהאַלט.

ער האָט אויפגעשטעלט אַ גרויסע צאָל נייע אַמטן און געשיקט אַהער מחנות פון באַאַמטע צו פּלאָגן אונזער פאָלק און אויפעסן זייער רייכטום.

ער האָט אויפגעהאַלטן צווישן אונז, אין צייטן פון שלום, שטענדיקע אַרמייען אָן דער צושטימונג פון אונזערע לעגיסלאַטיווע קערפּערשאַפטן.

ער האָט גענוצט זיין איינפלוס אַז די מיליטערישע מאַכט זאָל זיין אומאָפּהענגיק פון דער ציווילער מאַכט און שטיין איבער איר.

ער האָט זיך פאַראייניקט מיט אַנדערע צו אונטערװאַרפן אונז צו אַן אויבערהערשאַפט וואָס איז פרעמד צו אונזער קאָנסטיטוציע און ניט אַנערקענט דורך אונזערע געזעצן; ער האָט געגעבן זיין צושטימונג צו זייערע האַנדלונגען וועגן כלומר'שטער געזעצגעבונג; פאַר איינקוואַרטירן גרויסע גרופּעס פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן צווישן אונז; פאַר פאַרטיידיקן זיי דורך אַ חוזק־פּראָצעס פון אַ שטראָף פאַר די מאָרדן וואָס זיי וועלן באַגיין געגן די באַוואוינער פון די שטאַטן; פאַר אָפּשטעלן אונזער האַנדל מיט אַלע טיילן פון דער וועלט; פאַר אַרויפלייגן שטייערן אויף אונז אָן אונזער צושטימונג; פאַר באַרויבן אונז אין פילע פאַלן פון די בענעפיטן פון אַ פּראָצעס דורך אַ דזשורי; פאַר טראַנספּאָרטירן אונז איבער די ימים צו ווערן גע'משפט פאַר כלומר'שטע פאַרברעכענס; פאַר אָפּשאַפן דעם פרייען סיסטעם פון ענגלישע געזעצן אין אַ שכנות'דיקער פּראָווינץ, עטאַבלירנדיק דאָרטן אַן אומבאַשרענקטע רעגירונג, און פאַרגרעסערנדיק אירע גרעניצען כדי צו מאַכן דערפון אַ ביישפּיל און אַ פּאַסענדן ווערקצייג איינצופירן דיזעלבע אַבסאָלוטע הערשאַפט אין די קאָלאָניעס; פאַר צונעמען אונזערע טשאַרטערס, אָפּשאַפן אונזערע וויכטיקסטע געזעצן און ענדערן פונדאַמענטאַל די פאָרמען פון אונזער רעגירונג; פאַר אויפלייזן אונזערע אייגענע לעגיסלאַטיווע קערפּערשאַפטן, און דערקלערן אַז זיי זיינען באַפולמעכטיקט צו שאַפן געזעצן פאַר אונז אין אַלע פאַלן.

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער רעגירונג דאָ דורך דעם וואָס ער האָט אונז געשטעלט אויסער זיין שוץ און פירט מלחמה געגן אונז.

ער האָט אונז באַרויבט אויף די ימים, פאַרוויסט אונזערע ברעגן, געברענט אונזערע שטעט, און פאַרניכטעט די לעבנס פון אונזערע מענטשן.

אין דעם איצטיקן מאָמענט שיקט ער גרויסע אַרמייען פון אויסלענדישע געדונגענע סאָלדאַטן צו פאַרענדיקן די ווערק פון טויט, פאַרוויסטונג און טיראַניי, וואָס איז שוין אָנגעפאַנגען געוואָרן אונטער אומשטענדן פון גרויזאַמקייט און פאַלשקייט וואָס האָבן ניט קיין גלייכן אין די באַרבאַרישסטע צייטן, און וואָס זיינען אומווירדיק פאַר דעם הויפּט פון אַ ציוויליזירט פאָלק.

ער האָט געצוואונגען אונזערע מיט־בירגער וועלכע ער האָט גענומען געפאַנגען אויף די ימים צו קעמפן געגן זייער לאַנד, צו ווערן הענקערס פון זייערע פריינד און ברידער, אָדער אַליין צו פאַלן אַ קרבן דורך זייערע הענט.

ער האָט אויפגעהעצט אינערליכע אויפשטאַנדן צווישן אונז, און האָט פּרובירט אויפרייצן געגן די באַוואוינער פון אונזערע גרעניץ־געגנטן די אומ׳ברחמנות׳דיקע ווילדע אינדיאַנער, וועמעס באַקאַנטע געזעצן פון מלחמה זיינען פאַרניכטונג אָן אונטערשייד פון יעדן עלטער, געשלעכט און באַדינגונגען. אין יעדער שטופע פון די אונטערדריקונגען האָבן מיר צוגעשטעלט פּעטיציעס וועגן אָפּשאַפן די אומרעכטן אויף דעם אונטערטעניקסטן אופן. אונזערע כסדר׳דיקע פּעטיציעס זיינען אָפּגעענטפערט געוואָרן בלויז דורך ווידערהאָלטע באַליידיקונגען. אַ פּרינץ, וועמעס כאַראַקטער איז אַלזאָ געשטעמפּלט דורך יעדער טאַט וואָס איז די אויסטייטשונג פון אַ טיראַן, איז ניט פּאַסענד צו זיין דער הערשער פון אַ פריי פאָלק. מיר האָבן ניט פאַרפעלט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אונזערע ענגלישע ברידער. מיר האָבן זיי געוואָרנט פון צייט צו צייט וועגן פאַרזוכן מצד זייער לעגיסלאַטיווער קערפּערשאַפט אויסצושפּרייטן אַן אומגעזעצליכע איבער־הערשאַפט איבער אונז. מיר האָבן זיי דערמאָנט וועגן די אומשטענדן פון אונזער עמיגרירן און באַזעצן זיך דאָ. מיר האָבן אַפּעלירט צו זייער איינגעבוירענעם חוש פאַר גערעכטיקייט און גרויסמוטיקייט, און מיר האָבן זיי באַשוואוירן אין נאָמען פון דער אַלגעמיינער קרובה׳שאַפט וואָס פאַרבינדט אונז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון די גוואַלדטאַטן, וואָס וועלן אומפאַרמיידליך פירן צו אַן איבערברוך אין אונזערע פאַרבינדונגען און פריינדליכע באַציאונגען. אויך זיי זיינען געווען טויב צו דער שטימע פון גערעכטיקייט און פון בלוט־פאַרוואַנדשאַפט. מיר מוזן, דעריבער, צושטימען צו דער נויטבאַדערפטיקייט וועלכע פאַרדאַמט אונזער אָפּשיידן זיך, און באַטראַכטן זיי אַזוי ווי מיר באַטראַכטן די גאַנצע מענטשהייט: שונאים אין קריג, פריינד אין שלום.

מיר, דעריבער, די פאַרטרעטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, פאַרזאַמעלט אין אַ גענעראַל קאָנגרעס, אַפּעלירן צום העכסטן ריכטער פון דער וועלט פאַר רעכטפערטיקונג פון אונזערע צילן, אַנאָנסירן און דערקלערן פייערליך אין דעם נאָמען און דורך דער אָטאָריטעט פון דעם גוטן פאָלק פון די פאַראייניקטע קאָלאָניעס, אַז די פאַראייניקטע קאָלאָניעס זיינען, און מיט רעכט דאַרפן זיין, פרייע און אומאָפּהענגיקע שטאַטן; אַז זיי זיינען באַפרייט פון יעדער געטריישאַפט צו דער ענגלישער קרוין, און אַז אַלע פאָליטישע פאַרבינדונגען צווישן זיי און דעם שטאַט פון גרויס־בריטאַניע איז און דאַרף זיין פולשטענדיק אויפגעלייזט; און אַז אַלס פרייע און אומאָפּהענגיקע שטאַטן באַזיצן זיי די פולע מאַכט צו פירן מלחמה, שליסן שלום, איינשטעלן פאַרבינדונגען, עטאַבלירן האַנדל, און דורכפירן אַלע אַנדערע אַקטן און טאַטן וועלכע אומאָפּהענגיקע שטאַטן זיינען באַרעכטיקט צו טאָן. און אַלס אונטערשטיצונג פון דער דעקלאַראַציע, מיט פעסטן פאַרטרויען אויף דער שוץ פון געטלעכער השגחה, פאַרפליכטן מיר זיך געגנזייטיק איינע די אַנדערע מקריב צו זיין אונזערע לעבנס, אונזערע פאַרמעגנס און אונזער ערע.

דזשאַן אדאמס
סעמיועל אדאמס
דזשאָסייע בארטלעט
קאַרטער בראקסטאָן
טשארלס קאַראָל
סעמיועל טשייס
איבערעהעם קלאַרק
דזשאָרדזש קליימער
וויליאם עלערי
וויליאם פלאָיד
בענדזשאַמין פרענקלין
עלברידזש דזשערי
באטאַן גווינעט
ליימאַן האָל
דזשאַן הענקאַק
בענדזשאמין העריסאָן
דזשאַן האַרט
דזשאָזעף היוז
טאָמאַס הייוואַרד, דזשוניאָר

וויליאם הופּער
סטיפען האפקינס
פרענצים האפקינסאָן
סעמיועל האָנטינגטאָן
טאָמאַס דזשעפערסאָן
ריטשאַרד הענרי לי
פרענצים לייטפוט לי
פרענצים לואיס
פיליפ ליווינגסטאָן
טאָמאַס לינטש, דזשוניאָר
טאָמאַס מעקין
ארטור מידלטאָן
לואיס מארים
ראָבערט מארים
דזשאַן מאָרטאָן
טאָמאַס נעלסאָן, דזשוניאָר
וויליאם פאקא
ראָבערט טריט פעין
דזשאַן פען

דזשאָרדזש ריעד
סיזאר ראדני
דזשאָרדזש ראָס
בענדזשאמין ראָש
עדוואַרד ראָטלעדזש
ראדזשער שערמאַן
דזשיימס סמיט
ריטשאַרד סטאקטאָן
טאָמאַס סטאָון
דזשאָרדזש טעילאָר
מעטיו טאָרנטאָן
דזשאָרדזש וואָלטאָן
וויליאם וויפל
וויליאם וויליאמס
דזשיימס ווילסאָן
דזשאַן וויטערספון
אָליווער וואָלקאָט
דזשאָרדזש וויט

די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע

מערץ 4, 1789

הקדמה (פריעמבל)

מיר, דאָס פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן, כדי צו עטאַבלירן אַ מער פאָלקאָמענעם בונד, איינפירן גערעכטיקייט, פאַרזיכערן אינערליכן שלום, באַזאָרגן די אַלגעמיינע פאַרטיידיקונג, פאַרבעסערן דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין און פאַרפעסטיקן די ברכות פון פרייהייט פאַר אונז און פאַר די צוקונפטיקע דורות, פאַראָרדנען און עטאַבלירן די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

ארטיקל 1

טייל 1

לעגיסלאַטיווע מאַכט

אַלע רעכט צו מאַכן געזעצן וואָס ווערן דאָ איבערגעגעבן זאָלן באַלאַנגען צו אַ קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכער זאָל באַשטיין פון אַ סענאַט און פון אַ רעפּרעזענטאַנטן הויז.

טייל 2

רעפּרעזענטאַנטן־הויז, ווי אַזוי קאָנסטיטואירט, דאָס רעכט אַרויסצושיקן

1. דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז זאָל באַשטיין פון מיטגלידער, וועלכע זאָלן ערווייַלט ווערן פון פאָלק פון די פאַרשידענע שטאַטן, און די וויילער זאָלן האָבן דיזעלביקע אייגנשאַפטן וואָס די וויילער פון דער געזעצמאַכנדער קערפּערשאַפט פון שטאַט וואָס האָט די גרעסטע צאָל מיטגלידער.

2. קיין פּערזאָן זאָל ניט קענען זיין קיין מיטגליד אין רעפּרעזענטאַנטן־הויז (קאָנגרעסמאַן) אויב ער איז ניט שוין געוואָרן פינף און צוואַנציק יאָר אַלט, איז ניט שוין זיבן יאָר אַ בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און אויב ער איז ניט, אין דער צייט פון דער ערווייַלונג, אַן איינוואוינער פון דעם שטאַט אין וועלכן ער ווערט ערווייַלט.

3. (רעפּרעזענטאַנטן (קאָנגרעסלייט) און דירעקטע שטייערן זאָלן איינגעטיילט ווערן צווישן די פאַרשידענע שטאַטן, וועלכע זיינען אַריינגענומען

אין דעם בונד, לויט זייער באַפעלקערונג. די צאָל פון דער באַפעלקערונג זאָל באַשטימט ווערן דורך צוזאַמענרעכענען די צאָל פון פרייע מענטשן, אַריינרעכענענדיק די וואָס זיינען מחויב צו דינען אַ געוויסן טערמין פון יאָרן, און אויסשליסנדיק אינדיאַנער, וועלכע צאָלן ניט קיין שטייערן, און דריי פינפטל פון אַלע אַנדערע פּערזאָנען).* די ריכטיקע ציילונג זאָל ערשט געמאַכט ווערן אין דריי יאָר אַרום, נאָך דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון דעם קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן; און נאכהער אַלע צען יאָר צייט, אויף אַזאַ אופן ווי דאָס געזעץ וועט באַשטימען. די צאָל קאָנגרעסלייט זאָל זיין ניט מער ווי איינער פון יעדע דרייסיג טויזנט, אָבער יעדער שטאַט זאָל האָבן וועניגסטענס איין קאָנגרעסמאַן; און ביז אָט דיזע ציילונג וועט געמאַכט ווערן זאָל ניו־העמשייר זיין באַרעכטיקט צו דריי קאָנגרעסלייט, מאַסאַטשוזעטס אַכט, ראָוד איילענד און די פּראָווידענס פּלאַנטאַציעס איינעם, קאָנעטיקוט פינף, ניו יאָרק זעקס, ניו דזשוירזי פיער, פענסילווייניע אכט, דעלעווער איינעם, מערילאַנד זעקס, ווירדזשיניע צען, נאָרט קאראָליינא פינף, סאוט קאראָליינא פינף, און דזשאָרדזשיע דריי.

4. ווען עס בלייבט לײדיק אַן אָרט פון אַ פאַרטרעטער פון אַ שטאַט, זאָל דער גאָווערנאָר פון יענעם שטאַט אַרויסשיקן באַפעלן פאַר וואַלן, כדי אָנצופילן די לײדיקע פּלעצער.

5. דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז זאָל ערוויילן איר פאָרזיצער און אַנדערע באַאַמטע; און זאָל אַליין האָבן דאָס רעכט אַרונטערצוזעצן אירגענד וועלכן באַאַמטן (אימפּיטשן).

טייל 3

דער סענאַט, ווי אַזוי קאָנסטיטואירט, דאָס רעכט אַרונטערצוזעצן באַאַמטע

1. (דער סענאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל באַשטיין פון צוויי סענאַטאָרן פון יעדן שטאַט, וועלכע זאָלן ערווײלט ווערן פון דער געזעצגעבנדער קערפּערשאַפט פון דעם שטאַט, אויף זעקס יאָר; און יעדער סענאַטאָר זאָל האָבן איין שטימע.)*

2. גלייך נאָך די ערשטע וואַלן ווען די סענאַטאָרן וועלן זיך פאַרזאַמלען, זאָלן זיי איינגעטיילט ווערן אַזוי באַלד ווי מעגליך, אין דריי קלאַסן. די פּלעצער פון די סענאַטאָרן פון ערשטן קלאַס זאָלן ערלײדיקט ווערן ביים סוף פון צווייטן יאָר; פון דעם צווייטן קלאַס, ווען עס ענדיקט זיך פיר יאָר,

*דער פּונקט אין די קלאַמערן () איז געענדערט געוואָרן דורך אַמענדמענט 14, צווייטע אָפּטיילונג.

*דער פּונקט איז געענדערט געוואָרן דורך אַמענדמענט 17.

און פון דעם דריטן קלאַס וועט עס וועלן זיך ענדיקן זעקס יאָר, אַזוי אַז איין דריטל פון סענאַט זאָל אויסגעקליבן ווערן אַלע צוויי יאָר; אויב פּלעצער ווערן ליידיק דורך רעזיגנאַציע אָדער וועלכן אַנדער אופן, און די געזעצגעבנדע קערפּערשאַפט פון דעם שטאַט מאַכט אַ דערוויילִיקע באַשטימונג מעג דער גאָווערנאָר פון יענעם שטאַט מאַכן דערוויילִיקע באַשטימונג, ביז עס וועט זיך עפענען די זיצונג פון דער געזעצגעבנדער קערפּערשאַפט, וועלכע זאָל מאַכן וואַלן אויסצופילן די אָפּגעליידיקטע פּלעצער.

3. קיינער קען ניט ערווילט ווערן אַלס סענאַטאָר אויב ער איז ניט לכל הפּחות דרייסיק יאָר אַלט, ניין יאָר אַ בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און בשעת ער ווערט ערווילט איז ער ניט קיין איינוואוינער פון דעם שטאַט אין וועלכען ער ווערט אויסגעקליבן.

4. דער וויצע־פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל זיין דער פאָרזיצער פון דעם סענאַט, אָבער ער זאָל ניט האָבן קיין שטימרעכט סיידן די סענאַטאָרן זיינען צוטיילט אויף גלייך.

5. דער סענאַט זאָל אויסקלייבן זיינע אַנדערע באַאַמטע און אויך אַ צייטווייליקן פאָרזיצער, וועלכער זאָל זיין דער פאָרזיצער פון סענאַט אין פאַל דער וויצע־פּרעזידענט איז אפּוועזענד, אָדער ווען דער וויצע־פּרעזידענט מוז פאַרנעמען די שטעלע פון דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

6. דער סענאַט זאָל האָבן דאָס רעכט צו משפּט'ן אַלע באַשולדיקטע באַאַמטע, אימפּיטשען. ווען זיצנדיק פאַר דעם צוועק זאָלן די סענאַטאָרן זיין אונטער אַ שבועה אָדער אויפ'ן ערנוואָרט. ווען דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט גע'משפּט, זאָל דער הויפּט־ריכטער (טשיף דזשאָסטיס) זיין דער פאָרזיצער; און קיין פּערזאָן זאָל ניט פאַראורטיילט ווערן אָן דער הסכמה פון צוויי דריטל פון די אנוועזנדע מיטגלידער.

7. דער אורטייל איבער באַאַמטע זאָל ניט גיין ווייטער ווי דאָס אַרונטערזעצן פון אַמט און מאַכן אומפּייאיק אין דער צוקונפט צו האַלטן אָדער צו געניסן פון אַן אַמט פון כבוד, פאַרטרויען, אָדער געהאַלט פון די פאַראייניקטע שטאַטן; די אַרונטערגעזעצטע פּערזאָן זאָל קענען ווערן איינגעקלאָגט, באַשולדיקט, גע'משפּט, פאַראורטיילט און באַשטראָפט לויט דעם געזעץ.

טייל 4

וואַלן פאַר סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט

1. די צייט, פּלאַץ און דער אופן אויף וועלכען עס זאָלן געהאַלטן ווערן די וואַלן פאַר די סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט זאָל יעדער שטאַט באַשטימען

פאַר זיך אַליין, דורך זיין געזעצגעבנדער קערפּערשאַפט; אָבער דער קאָנגרעס מעג צו יעדער צייט, דורכ'ן געזעץ, ענדערן אַזעלכע סאָרטן איינפירונגען חוץ וואָס איז נוגע די פּלעצער צו ווילן סענאַטאָרן.

2. (דער קאָנגרעס זאָל זיך פאַרזאַמלען לכל הפחות איין מאָל אין אַ יאָר, און די פאַרזאַמלונג זאָל זיין דעם ערשטן מאָנטאג אין דעצעמבער, סיידן דער קאָנגרעס זאָל געזעצליך באַשטימען אַן אנדער טאָג.)*

טייל 5

קוואָרום (געזעצליכע צאָל), פּראָטאָקאָלן, זיצונגען, שליסונגען

1. יעדע הויז (פון קאָנגרעס) זאָל זיין זיין אייגענער ריכטער איבער די וואַלן, וואַל־רעזולטאַטן, און מעלות און חסרונות פון זיינע אייגענע מיט־גלידער, און אַ מאַיאָריטעט פון יעדער הויז זאָל הייסן אַ געזעצליכע צאָל (אַ קוואָרום) אויף אָנצוגיין מיט דער אַרבעט; אָבער אַ קלענערע צאָל מעג זיך פאַרזאַמלען פון טאָג צו טאָג, און מעג באַשליסן צו צווינגען די אַב־וועזנדע מיטגלידער צו קומען, אויף אַזעלכע אופנים, און אונטער אַזעלכע שטראָפן ווי יעדער הויז וועט באַשטימען.

2. יעדע הויז מעג באַשטימען די רעגעלן פאַר זיינע אייגענע פאַרהאַנד־לונגען, באַשטראָפן זיינע אייגענע מיטגלידער פאַר אומאַנשטענדיקער באַ־נעמונג, און מיט דער צושטימונג פון צוויי דריטל מאַיאָריטעט אויסשליסן אַ מיטגליד.

3. יעדע הויז זאָל פירן אַ פּראָטאָקאָל פון זיינע פאַרהאַנדלונגען, און פון צייט צו צייט דעם פּראָטאָקאָל פאַרעפנטליכן, חוץ דעם טייל וואָס זיי געפינען פאַר פּאַסנד צו האַלטן בסוד; און די שטימען דורך „יאָ" און „ניין" פון די מיטגלידער פון יעדן הויז איבער יעדער פראַגע זאָלן, אויפ'ן וואונש פון אַ פינפטל פון די אַנוועזנדע, אַריינגעשריבן ווערן אין פּראָטאָקאָל.

4. בשעת דער קאָנגרעס האַלט זיינע זיצונגען טאָר זיך קיין איין הויז ניט פאַרמאַכן, אָהן דער הסכמה פון דעם אַנדערן הויז, אויף מער ווי דריי טעג, אויך זאָל קיין הויז ניט אַריבערקלייבן זיך אויף אַן אַנדער פּלאַץ ווי דאָרטן וואו ביידע הייזער געפינען זיך.

טייל 6

שכירות, פּריווילעגיעס, באַשרענקונגען פון רעכט

1. די סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט זאָלן ערהאַלטן שכירות פאַר זייער

*דער פּונקט איז געענדערט געוואָרן דורך אַרטיקל 20, סעקשאָן 2, אַמענדמענטס.

ארבעט, וואס זאל באשטימט ווערן דורכ׳ן געזעץ, און זאל אויסגעצאלט ווערן פון דער קאסע פון די פאראייניקטע שטאטן. אין אלע פאלן אויסער פארראט, פארברעכן און שטערונג פון פרידן, זאלן סענאטארן און קאנגרעס־לייט זיין פריי פון ארעסט בשעת זיי זיינען ביי א זיצונג פון זייערע הייזער, אדער ווען זיי גייען פון אדער קומען צו די זיצונגען; און פאר א רעדע אדער דעבאטע אין איינעם פון די הייזער פון קאנגרעס, זאל מען ניט קענען אויספרעגן אין קיין אנדער פלאץ.

2. קיין סענאטאר אדער קאנגרעסמאן, זאל אין דער צייט וואס ער איז א מיט־גליד פון דעם קאנגרעס, ניט באשטימט ווערן אויף קיין ציווילן אמט אונטער די פאראייניקטע שטאטן, וואס זאל ניי געשאפן ווערן, אדער וואס דאס גע־האלט זאל האבן געווארן העכער אין יענער צייט; און קיין פערזאן וואס האלט אן אמט אונטער די פאראייניקטע שטאטן זאל ניט זיין קיין מיטגליד פון קאנגרעס בשעת ער האלט אן זיין אמט.

טייל 7

פראצעדורע אין אננעמען געזעצן און רעזאלוציעס

1. אלע פארשלאגן פאר הכנסות זאלן צוערשט פארגעשלאגן ווערן אין רעפרעזענטאנטן־הויז; אבער דער סענאט מעג פארשלאגן אדער באשטימען ענדערונגען פונקט ווי ביי אלע אנדערע געזעץ־פארשלאגן.

2. יעדער פארשלאג (ביל) וואס איז אנגענומען געווארן אין רעפרעזענ־טאנטן־הויז און אין סענאט, זאל איידער עס ווערט א געזעץ, פארגעלייגט ווערן פאר דעם פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן; אויב ער שטימט צו, זאל ער דאס אונטערשרייבן, און אויב ניט, זאל ער דאס צוריקשיקן, צוזאמען מיט זיינע איינווענדונגען, צום הויז, וואו דער פארשלאג איז צוערשט אריינגעבראכט געווארן. דעם פרעזידענט׳ס איינווענדונגען זאלן אין פול אריינגעשריבן ווערן אין פראטאקאל, און דער פארשלאג (אדער ווי מען רופט דאס „די ביל״) זאל ווידער אמאל פארהאנדלט ווערן. אויב נאך דעם וועט דער ביל ווידער אנגענומען ווערן מיט צוויי דריטל מאיא־ריטעט, זאל דאס, צוזאמען מיט די טענות, אריבערגעשיקט ווערן צום צווייטן הויז, וועלכעס זאל דאס אויך ווידער אמאל נעמען צום פארהאנדלען, און אויב דאס ווערט אין דעם צווייטן הויז אויך אנגענומען מיט צוויי דריטל מאיאריטעט, ווערט דאס א געזעץ. אבער אין אזעלכע פאלן זאלן די מיטגלידער שטימען דורך „יא״ און „ניין״ און די נעמען און שטימען זאלן פראטאקאלירט ווערן אין יעדער הויז באזונדער. אויב א ביל ווערט פון

פרעזידענט ניט צוריקגעשיקט אין פאַרלויף פון צען טעג צייט (אויסער זונטיקס) נאָכדעם ווי עס איז פאַר אים פאָרגעלייגט געוואָרן, ווערט עס אַ געזעץ, פונקט ווי ער וואָלט עס אונטערגעשריבן, סיידן דער קאָנגרעס פאַר־מאַכט זיך און שטערט דורך דעם דאָס צוריקשיקן דעם ביל, אין וועלכן פאַל דאָס ווערט ניט קיין געזעץ.

3. יעדער אָרדער, רעזאָלוציע, אָדער פאָרשלאַג, צו וועלכן די צושטימונג פון סענאַט און רעפּרעזענטאַנטן־הויז איז נויטיק (אויסער די פראַגע פון שליסן זיך) זאָל פאָרגעלייגט ווערן פאַרן פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן; און איידער דאָס טרעט אריין אין קראַפט זאָל דאָס קריגן זיין צו־שטימונג. אָדער, אויב ער שטימט ניט צו, זאָל דאָס ווידער דורכגעפירט ווערן מיט צוויי דריטל מאַיאָריטעט אין יידע הייזער, לויט די רעגעלן און פאָרשריפטן פון בילס.

טייל 8

די מאַכט פון קאָנגרעס

1. דער קאָנגרעס זאָל האָבן די מאַכט:

ארויפצולייגן און אויפצומאָנען טעקסעס, אפּצאָלונגען און שטייערן; צו באַצאָלן די חובות און צו זאָרגן פאַר דער אַלגעמיינער באַשיצונג און וואויל־זיין פון די פאַראייניקטע שטאַטן; אָבער אַלע טעקסעס, אפּצאָלונגען און שטייערן זאָלן זיין גלייך אומעטום אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

2. צו באָרגן געלט אויף דעם קרעדיט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

3. צו רעגולירן דעם מסחר מיט פרעמדע פעלקער, צווישן די פאַרשידענע שטאַטן און מיט די אינדיאַנער שבטים.

4. איינפירן גלייכע בירגער־רעכט און גלייכע געזעצן וועגן באַנקראָט איבעראַל אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

5. צו פאַבריצירן געלט, רעגולירן די ווערטן פון אויסלענדישע געלטער, און צו באַשטימען סטאַנדאַרדן פון וואָג און מאָס.

6. צו באַשטימען שטראָפן פאַר פעלשן געלט אָדער רעגירונגס פּאַפּירן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

7. צו בויען פּאָסט געביידעס און מאַכן פּאָסט וועגן.

8. צו העלפן דעם פּראָגרעס און וויסנשאַפט פון נוצליכער קונסט, דורך פאַרזיכערן אויף אַ באַגרענעצטער צייט, צו פאַרפאַסער און ערפינדער, דאָס אויסשליסליכע רעכט צו זייערע פאַרפאַסונגען און ערפינדונגען.

9. גרינדען געריכטס־הייזער, נידעריקערע פון דעם העכסטן געריכט (סופּרים קאָורט).

10. צו באשטימען און באשטראפן פארברעכנס וואס ווערן באגאנגען אויף די ימים, און פאר פארשוועכן די געזעצן פון פעלקער.

11. צו ערקלערן מלחמה, צו געבן ערלויבניש צו באפאלן פיינטליכע שיפן, און מאכן רעגעלן וועגן נעמען אין פלען אריין אויף דער יבשה און אויפ'ן ים.

12. צוזאמענשטעלן און אויפצוהאלטן ארמייען; אבער קיין באשטימונג וועגן געלט פאר דעם צוועק זאל ניט זיין אויף לענגער ווי צוויי יאר צייט.

13. צו בויען און אויפהאלטן א פלאטע.

14. צו מאכן רעגעלן בנוגע דער פירונג און רעגולאציע פון לאנד און וואסער חיל.

15. צו באשטימען וועגן רופן די מיליץ צו מקיים זיין די געזעצן פון די פאראייניקטע שטאטן, צו דערשטיקן אויפשטאנדן, און צוריקשטויסן אנפאלן פון פיינט.

16. באזארגן דאס ארגאניזירן, באוואפנען, און דיסציפלינירן די מיליץ, און צו האבן א דעה איבער אזעלכע טיילן פון דער מיליץ, וועלכע וועלן באשעפטיקט ווערן אין דער דינסט פון די פאראייניקטע שטאטן; איבער־לאזנדיק צו די איינצעלנע שטאטן די באשיצונג פון די מיליץ באאמטע און די רעגעלן פון מושטירן די מיליץ לויט דיסציפלין וואס דער קאנ־גרעס וועט באשטימען.

17. אויסצואיבן די אויסשליסליכע מאכט צו מאכן געזעצן אין אלע פאלן איבער אזא דיסטריקט וואס וועט, דורך דעם אוועקגעבן פון געוויסע שטאטן און דורך דער גוטהייסונג פון קאנגרעס, ווערן א רעגירונגס-זיץ פון די פאראייניקטע שטאטן (ווי דער דיסטריקט אוו קאלאמביא, וואו די שטאט וואשינגטאן איז אויפגעבויט געווארן), און אויסצואיבן אן ענליכע רעכט איבער אלע פלעצער וואס דער קאנגרעס וועט קויפן פון די געזעצמאכנדע קערפערשאפטן פון די שטאטן, וואו זיי וועלן זיך געפינען, כדי צו בויען פעסטונגען, מאגאזינען, געווער־פלעצער, שיף־פלעצער, און אנדערע נויטיקע געביידן; און

18. צו מאכן אלע געזעצן וואס וועלן נויטיק זיין כדי אויסצופירן די אויבנדערמאנטע מאכט, און אלע אנדערע מאכטן וואס די קאנסטיטוציע גיט איבער צו דער רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן, אדער צו יעדער אפטיילונג, אדער באאמטע פון דער רעגירונג.

טייל 9

באגרעניצונגען פון דער מאכט פון קאנגרעס

1. דאס עמיגרירן אדער אריינברענגען פון אזעלכע פערזאנען וואס איר־

גענד וועלכער פון די שוין איצט עקזיסטירנדע שטאַטן זאָל האָבן גערעכט־פערטיגט, זאָל ניט ווערן פאַרבאָטן פון דעם קאָנגרעס פאַר דעם יאָר טויזנט אכט הונדערט און אכט, אָבער אַ שטייער קען יאָ אַרויפגעלייגט ווערן אויף אַזאַ אימפּאָרטאַציע, ניט מער ווי צען דאָלאַר פאַר יעדן פּערזאָן.

2. דאָס רעכט פון „הייבעאס קאָרפּוס" (דאָס הייסט, אַ באַפעל ניט צו ערלויבן האַלטן איינעם געפאַנגען אָן אַ פאַרהער) זאָל ניט אָפּגעשאַפט ווערן סיידן אין פאַלן פון אויפשטאַנדן אָדער אָנפאַלן פון שונא, ווען די אַלגעמיינע זיכערהייט נויטיקט זיך אין דעם.

3. קיין געזעץ זאָל ניט געפאַסט ווערן צוצונעמען ביי איינעם זיין פאַר־מעגן און דאָס רעכט איבערצולאָזן זיין פאַרמעגן צו זיינע יורשים. אויך זאָל קיין געזעץ געפאַסט ווערן צו באַשטראָפן איינעם פאַר אַ טאַט וואָס איז ניט געווען קיין פאַרברעכן איידער דער געזעץ איז געפאַסט געוואָרן. (אין דעם ענגלישן טעקסט פון דער קאָנסטיטוציע הייסט עס „אַטעינדער ביל" און „עקס פּאָסט פאַקטאָ" געזעץ).

4. קיין קאָפּשטייער, אָדער אַנדער דירעקטער שטייער זאָל ניט אַרויפ־געליינגט ווערן סיידן פּראָפּאָרציאָנעל נאָך דער פאָלקסציילונג אָדער רעכע־נונגען וואָס ווערן דאָ פאַרגעשריבן איידער זיי ווערן ערלויבט גענומען צו ווערן.

5. קיין שטייער אָפּצאָלונג זאָל ניט געמאַכט ווערן אויף זאַכן וואָס ווערן אַרויסגעפירט פון אַ שטאַט.

6. קיין פאָרצוג זאָל ניט געגעבן ווערן דורך אַ געזעץ פון האַנדל אָדער איינקונפט צו די האַפנס פון איין שטאַט איבער די האַפנס פון אַן אַנדער שטאַט; אויך זאָלן קיינע שיפן וואָס קומען, אָדער פאַרלאָזן איין שטאַט ניט מוזן אַריינקומען, אָדער קריגן ערלויבניש, אָדער צאָלן שטייערן אין אַנדערן שטאַט.

7. קיין געלט זאָל ניט געצויגן ווערן פון דער טרעזשורי (רעגירונגס־קאַסע) סיידן אַלס רעזולטאַט פון געזעצליכע באַשטימונגען; אַ רעגעלמעסיקע רשימה און חשבון פון אַלע הכנסות און הוצאות פון אַלע קהל׳שע געלטער זאָל פאַרעפענטליכט ווערן פון צייט צו צייט.

8. קיין טיטולן פון אַדעל זאָלן ניט געגעבן ווערן פון די פאַראייניקטע שטאַטן; און קיין פּערזאָן וועלכער האַלט עפּעס אַן אַמט פון געצאָלט אָדער פון צוטרוי אונטער די פאַראייניקטע שטאַטן, זאָל אָן דער צושטימונג פון קאָנגרעס ניט אָננעמען קיין שום מתנה, געצאָלט, אַמט, אָדער טיטול פון אַ קעניג, פּרינץ, אָדער פרעמדע רעגירונג.

טייל 10

באַשרענקונגען פון דער מאַכט פון די שטאַטן

1. קיין שטאַט זאָל ניט שליסן קיין אָפּמאַך, בונד אָדער פאַראייניקונג; געבן ערלויבנישן צו באַפאַלן שיפן פון אַ שונא; פאַבריצירן געלט; אַרויסלאָזן קרעדיט פּאַפּירן; מאַכן קיין שום אַנדער געלט ווי נאָר גאָלדענע און זילבערנע מטבעות אַלס געזעצליך געלט צו באַצאָלן חובות; דורכפירן קיין געזעץ וואָס זאָל צונעמען ביי איינעם זיין פאַרמעגן אָדער רעכט („אַטעינדער ביל”) און אויך ניט קיין געזעץ צו באַשטראָפן פאַר דעם וואָס איז געטאָן געוואָרן איידער דער געזעץ איז געפּאַסט געוואָרן („עקס פּאָסט פאַקטאָ” געזעץ), אָדער אַ געזעץ וועגן שעדיקן די פאַרפליכטונגען פון אַ קאָנטראַקט; אָדער געבן אַדעל טיטולן.

2. קיין שטאַט זאָל אָן דער צושטימונג פון קאָנגרעס ניט אַרויפלייגן קיין שום שטייערן אויף אַריינגעפירטע סחורות, חוץ די אַבסאָלוט נויטיקע אונטערזוכונגס-רעגלען; און די ריינע הכנסה וואָס אַ שטאַט וועט אַרויפלייגן אויף אַריינגעפירטע אָדער אַרויסגעפירטע סחורות, זאָל באַלאַנגען צו דער קאַסע פון די פאַראייניקטע שטאַטן; און אַלע אַזעלכע געזעצן זאָלן זיין אונטערוואָרפן דער אויפזיכט און קאָנטראָל פון קאָנגרעס.

3. קיין שטאַט זאָל ניט, אָן דער הסכמה פון קאָנגרעס, אַרויפלייגן שטייערן אויף שיפן, האַלטן חיל, אָדער קריגס-שיפן אין פרידנס-צייטן, שליסן אַן אָפּמאַך מיט אַן אַנדער שטאַט, אָדער מיט אַ פרעמדער מאַכט, אָדער אָנפירן מלחמה, סיידן דער שטאַט ווערט ווירקליך באַפאַלן אָדער איז אין אַזאַ אומפאַרמיידליכער געפאַר וואָס וועט ניט ערלויבן צו וואַרטן.

אַרטיקל 2

טייל 1

עקזעקוטיווע מאַכט, וואַלן, קוואַליפיקאַציעס פון דעם פרעזידענט

1. די מאַכט דורכצופירן די געזעצן (עקזעקוטיווע מאַכט) זאָל איבערגעגעבן ווערן צו אַ פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. ער זאָל אָנהאַלטן זיין אַמט פאַר אַ טערמין פון פיר יאָר צייט; און צוזאַמען מיט'ן וויצע-פרעזידענט, ערווילט פאַר דעמזעלבן טערמין, זאָלן די וואַלן פאָרקומען אויף דעם פאָלגענדן אופן:

2. יעדער שטאַט זאָל באַשטימען, לויט דעם באַשלוס פון זיין געזעץמאַכנדער אָפּטיילונג, אַ צאָל וויילער (אין ענגליש הייסן זיי „עלעקטאָרס”)

אזוי פיל ווי די צאָל פון סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט צוזאַמען וואָס דער שטאַט האָט אין קאָנגרעס; אָבער קיין סענאַטאָר אָדער קאָנגרעסמאַן, אָדער אירגענד וועלכע פּערזאָן וואָס האַלט אַן אַמט פון שכר אָדער צוטרוי פון די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל באַשטימט ווערן אַלס „עלעקטאָר".

3. (די עלעקטאָרס זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין זייערע באַזונדערע שטאַטן און שטימען דורך אַ שטימצעטל פאַר צוויי פּערזאָנען, פון וועלכע איינער, אַמווייניגסטענס זאָל ניט זיין קיין איינוואוינער פון דעמזעלבן שטאַט ווי זיי, און זיי זאָלן מאַכן אַ ליסטע פון אַלע פּערזאָנען פאַר וועלכע מען האָט געשטימט און די צאָל שטימען פון יעדן פון די פּערזאָנען; די ליסטע זאָל זיין אונטערגעשריבן און באַשטעטיקט און זאָל איבערגעשיקט ווערן אַ פאַרזיגלטע צו דעם רעגירונגס־זיץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַדרעסירט צום פּאָרזיצער פון סענאַט. דער פּאָרזיצער פון סענאַט זאָל, אין דער אַנוועזנהייט פון סענאַט און רעפּרעזענטאַנטן־הויז, עפענען אַלע באַשטעטיקטע ליסטן און די שטימען זאָלן דאַן געציילט ווערן. די פּערזאָן וועלכע האָט די גרעסטע צאָל שטימען זאָל זיין ערווילט פּרעזידענט, אויב די צאָל זאָל זיין אַ מאַיאָריטעט פון דער גאַנצער צאָל עלעקטאָרס וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן; און אויב עס זאָל זיין מער ווי איינער מיט אַ צאָל וואָס איז אַ מאַיאָריטעט און זאָלן האָבן אַ גלייכע צאָל שטימען, דאַן זאָל דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז גלייך דערווילן, דורך אָפּשטימונג, איינעם פון זיי אַלס פּרעזידענט; און אויב קיין פּערזאָן זאָל האָבן קיין מאַיאָריטעט פון די שטימען, דאַן זאָל דאָס זעלבע הויז ערווילן אויף דעמזעלבן אופן איינעם אַלס פּרעזידענט פון די פינף וואָס האָבן די גרעסטע צאָל שטימען אויף דער ליסטע. אָבער ביים ערווילן אַ פּרעזידענט זאָלן די שטימען גענומען ווערן לויט די שטאַטן, די פאַרטרעטער פון יעדן שטאַט זאָלן האָבן איין שטימע; אַ קוואָרום (אַ גענינגנדע צאָל שטימען) זאָל באַשטיין פון צוויי דריטל פון דער פאַרטרעטערשאַפט פון שטאַט, און אַ מאַיאָריטעט פון אַלע שטאַטן זאָל זיין נויטיק צו ערווילן. אין יעדן פאַל, נאָכ'ן וואַל פון פּרעזידענט, זאָל די פּערזאָן וואָס האָט די גרעסטע צאָל שטימען פון די עלעקטאָרס, זיין וויצע־פּרעזידענט. אָבער אויב עס זאָלן בלייבן צוויי אָדער מער פּערזאָנען וואָס האָבן אַ גלייכע צאָל שטימען, זאָל דער סענאַט דערווילן פון זיי, דורך אָפּשטימונג, דעם וויצע־פּרעזידענט)*.

4. דער קאָנגרעס קאָן באַשטימען די צייט פאַר'ן אויסקלייבן די עלעקטאָרס און דעם טאָג אין וועלכן זיי זאָלן שטימען; דער טאָג זאָל זיין דערזעלבער איבער די פאַראייניקטע שטאַטן.

---

*דער פּונקט איז נאָכגעפאָלגט דורך אַרטיקל 12, אַמענדמענטס.

5. קיין פערזאָן, סיידן אַ געבוירענער בירגער, אָדער אַ בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער צייט ווען די קאָנסטיטוציע ווערט אָנגענומען, זאָל ניט קענען ערווײלט ווערן אַלס פּרעזידענט; אויך זאָל קיינער ניט קענען ערווײלט ווערן צו דעם אַמט, אויב ער איז נאָך ניט געוואָרן פינף און דרייסיק יאָר אַלט, און ניט האָבן געוואוינט פערצן יאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

6. אין פאַל דער פּרעזידענט ווערט אַרונטערגעזעצט פון זיין אַמט, אָדער אין פאַל פון טויט, רעזיגנאַציע, אָדער אומפייאיקייט אויסצופירן די מאַכט און פליכטן פון דעם אַמט, זאָל דער אַמט איבערגיין צום וויצע-פּרעזידענט; און דער קאָנגרעס זאָל דורכ'ן געזעץ באַשטימען, אין פאַל פון אַרונטערזעצן, טויט אָדער רעזיגנאַציע, אָדער אומפייאיקייט אויך פון דעם וויצע-פּרעזידענט, וועלכער באַאַמטער זאָל דאַמאָלס דינען ביז די אומפייאיקייט וועט באַזייטיקט ווערן אָדער אַ פּרעזידענט וועט ערווײלט ווערן.

7. דער פּרעזידענט זאָל, צו באַשטימטע צייטן, קריגן פאַר זיין דינסט אַ געהאַלט, וואָס זאָל ניט פאַרגרעסערט און ניט פאַרקלענערט ווערן דורך דער צייט אויף וועלכער ער איז ערווײלט געוואָרן; און ער זאָל דורך דער צייט ניט קריגן קיין אַנדער באַלוינונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער פון וועלכע ניט איז פון זיי.

8. איידער דער פּרעזידענט טרעט אַריין אין אַמט זאָל ער געבן די דאָזיקע שבועה, אָדער ערן-וואָרט:

„איך שווער (אָדער פאַרזיכער) הייליק אַז איך וועל טריי ערפילן דעם אַמט פון פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן; איך וועל מיט מיינע בעסטע כחות אָפּהיטן, באַשיצן, און פאַרטיידיקן די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן".

טייל 2

די מאַכט פון דעם פּרעזידענט

1. דער פּרעזידענט זאָל זיין דער הויפּט קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי און פלאָטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און פון דער מיליץ פון די פאַרשידענע שטאַטן, ווען זיי ווערן גערופן אין דער פאַקטישער דינסט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער מעג פאָדערן די מיינונג שריפטליך פון יעדן הויפּט באַאַמטן פון דער עקזעקוטיווער אָפּטיילונג, וועגן יעדן פּונקט בנוגע די פליכטן פון זייערע באַזונדערע אַמטן, און ער זאָל האָבן די מאַכט צו שענקען דאָס אָפּלייגן פון שטראָף און באַגנאַדיקונג פאַר פאַרברעכנס געגן

די פּאַראייניקטע שטאַטן, אויסער אין פאַלן פון „אימפּיטשמענט" (אַרונ־טערזעצן פון אַמט).

2. ער זאָל האָבן די מאַכט, מיט דער הסכמה פון צוויי דריטל פון די שטימען פון די סענאַטאָרן אנוועזענד, צו שליסן אָפּמאַכן („טריטים") מיט אַנדערע פעלקער; און ער זאָל נאָמינירן, און, דורך און מיט דער צושטימונג פון סענאַט, זאָל ער באַשטימען אַמבאַסאַדאָרן און אַנדערע געזאַנדטע און קאָנסולן, ריכטער פון סופּרים קאָורט (העכסטן געריכט), און אַלע אַנדערע באַאַמטע פון די פּאַראייניקטע שטאַטן, וועמעס באַשטימונגען זיינען דאָ ניט פאָרגעשריבן געוואָרן, און וועלכע וועלן ווערן איינגעפירט אין געזעץ. אָבער דער קאָנגרעס, אויב ער האַלט עס פאַר ראַטזאַם, מעג, דורך דעם גע־זעץ, איבערגעבן דאָס באַשטימען פון אַזעלכע באַאַמטע צום פּרעזידענט אַליין, צו די געריכטס־הייזער, אָדער צו די עלטסטע פון די רעגירונגס אָפּ־טיילונגען.

3. דער פּרעזידענט זאָל האָבן דאָס רעכט אויסצופילן אַלע אָפּגעליידיקטע אַמטן וואָס וועלן פּאַסירן בעת דער צייטווייליקער שליסונג פון דעם סענאַט, דורך אַרויסגעבן באַפּאָלמעכטיקונגען, וואָס זאָלן אויסגיין ביים סוף פון דער נעקסטער זיצונג.

טייל 3

די מאַכט און פליכטן פון דעם פּרעזידענט

ער זאָל פון צייט צו צייט צושטעלן אינפאָרמאַציע וועגן דעם צושטאַנד פון דעם לאַנד, און זאָל רעקאָמענדירן פאַר זייער באַטראַכטונג אַזעלכע פּונקטן וואָס ער וועט דענקען אַלס נויטיק און פּאַסנד. ער מעג, אין אויסערגע־וויינליכע פאַלן, צוזאַמענרופן ביידע הייזער פון קאָנגרעס, אָדער אירגענד וועלכע פון זיי; אין פאַל ביידע הייזער שטימען ניט איין איבער דער צייט פון עפענען זיך, מעג ער זיי צוזאַמענרופן אויף אַ צייט וואָס ער האַלט פאַר פּאַ־סענד; ער זאָל אויפנעמען אַמבאַסאַדאָרן און אַנדערע געזאַנדטע; ער זאָל אַכטונג געבן אַז די געזעצן זאָלן טריי דורכגעפירט ווערן; און זאָל אָנשטעלן אַלע באַאַמטע פון די פּאַראייניקטע שטאַטן.

טייל 4

אַרונטערזעצן פון אַמט

דער פּרעזידענט, וויצע־פּרעזידענט, און אַלע ציווילע באַאַמטע פון די פּאַראייניקטע שטאַטן זאָלן אַרונטערגעזעצט ווערן פון זייערע אַמטן דורך

אַנקלאַגן (אימפּיטשמענט) און פּאַראורטיילונג פאַר פאַרראַט, כאַבאַר, אָדער אַנדערע גרויסע פאַרברעכנס און שלעכטע אויפפירונגען.

אַרטיקל 3

טייל 1

יורידישע מאַכט, דאָס אָנהאַלטן פון אַן אַמט

די ריכטליכע מאַכט זאָל איבערגעגעבן ווערן אין איין הויפּט געריכט (סופּרים קאָורט) און אין אַזעלכע נידעריקערע געריכטן ווי דער קאָנגרעס וועט פון צייט צו צייט באַשטימען און איינפירן. די ריכטער, סיי פון סופּרים קאָורט סיי פון די נידעריקערע געריכטן, זאָלן אָנהאַלטן זייערע אַמטן אַזוי לאַנג ווי זיי פירן זיך אויף אָנשטענדיק; און זאָלן, אין באַשטימטע צייטן, פאַר זייער דינסט באַקומען אַ געהאַלט וואָס זאָל ניט פאַרקלענערט ווערן כל זמן זיי האַלטן אַן זייערע אַמטן.

טייל 2

יוריסדיקציע

1. די ריכטליכע מאַכט זאָל האָבן די ממשלה איבער אַלע פאַלן פון געזעץ און גערעכטיקייט וואָס שטאַמען פון דער קאָנסטיטוציע. די געזעצן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און אָפּמאַכן וואָס זיינען שוין געשלאָסן גע-וואָרן אָדער וואָס וועלן געשלאָסן ווערן אונטער זייערע רעכט; אויף אַלע פאַלן וואָס רירן אָן אַמבאַסאַדאָרן אָדער געזאַנדטע און קאָנסולן; אויף אַלע פאַלן וואָס רירן אָן פלאָטן־באַאַמטע אָדער וואַסער־הערשאַפט; צו סכסוכים אין וועלכע די פאַראייניקטע שטאַטן איז אַ צד; אויך שטרייטיקייטן צווישן צוויי אָדער מער שטאַטן; צווישן בירגער פון פאַרשידענע שטאַטן; און צווישן אַ שטאַט, אָדער זיינע בירגער, מיט פרעמדע לענדער, בירגער אָדער אונטערטאַנען(*.

2. אין אַלע פאַלן וואָס זיינען שייך צו אַמבאַסאַדאָרן, אַנדערע געזאַנדטע און קאָנסולן, און יענע ביי וועלכע אַ שטאַט איז איינע פון די צדדים, זאָל דער סופּרים קאָורט (העכסטער געריכט) האָבן דאָס אָריגינעלע רעכט. אין אַלע אַנדערע פאַלן וואָס זיינען אויבן אויסגערעכנט, זאָל דער סופּרים קאָורט נאָר האָבן דאָס רעכט ווען עס ווערט אַפּעלירט צו אים, סיי ווענן געזעץ,

*דער פונקט איז געענדערט געוואָרן דורך אַרטיקל 11, אַמענדמענטס.

סיי וועגן די פאַקטן, מיט אַזעלכע אויסנאַמען און מיט אַזעלכע איינפירונגען ווי דער קאָנגרעס וועט מאַכן.

3. דער פּראָצעס פאַר אַלע פאַרברעכנס, חוץ אין פאַלן פון אַרונטערזעצן באַאַמטע, זאָל זיין דורך אַ דזשורי (געשוואוירענע פון פאָלק) און אַזאַ פּראָצעס זאָל געהאַלטן ווערן אין דעם שטאַט וואו דער פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן; אָבער אויב דער פאַרברעכן איז ניט באַגאַנגען געוואָרן אין קיין שום שטאַט זאָל דער משפט געהאַלטן ווערן אין אַזאַ פּלאַץ אָדער פּלעצער וואו דער קאָנגרעס וועט באַשטימען.

טייל 3

הויך־פאַרראַט, באַווייז און שטראָף

1. הויכפאַרראַט געגן די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל באַשטיין בלויז אין פירן מלחמה געגן זיי, אָדער צושטיין צו זייערע פיינט, געבנדיק זיי הילף אָדער באַקוועמליכקייט. קיין פּערזאָן זאָל ניט פאַראורטיילט ווערן פאַר הויכפאַרראַט, סיידן אויף באַווייז פון צוויי עדות וועגן דער אָפענער טאַט, אָדער דורך מודה זיין זיך אין אָפענעם געריכט.

2. דער קאָנגרעס זאָל האָבן די מאַכט צו באַשטימען די שטראָף פאַר הויכפאַרראַט; אָבער קיין פאַראורטיילונג פון אימיצן פאַר הויכפאַרראַט זאָל ניט שעדיקן זיין פאַמיליע אָדער יורשים, אָדער מען זאָל זיין פאַרמעגן ניט קאָנפיסקירן, חוץ פאַר דער צייט פונ׳ם לעבן פון דעם פאַראורטיילטן.

אַרטיקל 4

טייל 1

צוטרוי און אָנערקענונג צווישן שטאַטן

פולער צוטרוי און גלויבן זאָל געשאָנקען ווערן פון איין שטאַט צו די קהל׳שע טאַטן, פּאַפּירן און געריכטליכע פאַרהאַנדלונגען פון אַלע אַנדערע שטאַטן; און דער קאָנגרעס מעג דורך אַלגעמיינע געזעצן פאַרשרייבן און ווייזן ווי דער רעקאָרד און די פאַרהאַנדלונגען זאָלן באַרעכטיקט ווערן, און אויך זייער ווירקונג.

טייל 2

פּריווילעגיעס און פרייהייטן, פליכטלינגע פון געזעץ

1. די בירגער פון יעדן שטאַט זאָלן האָבן אַלע רעכטע וואָס עס האָבן די בירגער פון אַנדערע שטאַטן.

2. אַ פּערזאָן וואָס ווערט באַשולדיקט אין אַ שטאַט אין הויכפאַרראַט, אָדער אין אירגענד וועלכן אַנדערן גרעסערן אָדער קלענערן פאַרברעכן, וואָס וועט אַנטלויפן פון גערעכטיקייט און וועט געפונען ווערן אין אַן אַנדער שטאַט, זאָל אויף דער פאָדערונג פון דעם הויפּט עקזעקוטיוו באַאַמטן (גאָווערנאָר) פון דעם שטאַט פון וועלכן ער איז אַנטלאָפן, אויסגעליפערט ווערן צו דעם שטאַט וואָס האָט אַ רעכט איבער דעם פאַרברעכן.

3. קיין פּערזאָן וואָס ווערט געהאַלטן פאַר קנעכטשאַפט אָדער געצוואונגענע אַרבעט אין איין שטאַט, לויט זיינע געזעצן, וועלכער אַנטלויפט אין אַן אַנדער שטאַט זאָל ניט צוליב וועלכען עס איז געזעץ אָדער איינפירונג פון דעם שטאַט, באַפרייט ווערן פון זיין קנעכטשאַפט אָדער געצוואונגענער אַרבעט, און די פּערזאָן זאָל אויסגעליפערט ווערן אויפ'ן פאַרלאַנג פון דעם צו וועמען עס קומט די קנעכטשאַפט אָדער געצוואונגענע אַרבעט. (דער פונקט איז שפּעטער געענדערט געוואָרן דורך דעם אַמענדמענט 13, בלאַט נומ. 72).

טייל 3

איינטריט פון נייע שטאַטן

1. נייע שטאַטן מעגן פון קאָנגרעס אַריינגענומען ווערן אינ'ם בונד פון די פאַראייניקטע שטאַטן; אָבער קיין נייער שטאַט זאָל ניט געמאַכט אָדער געשאַפן ווערן אין די גרעניצן פון אַן אַנדער שטאַט; אויך זאָל קיין שטאַט ניט געמאַכט ווערן דורך דער פאַראייניקונג פון צוויי אָדער מער שטאַטן, אָדער טיילן פון שטאַטן, אָן דער צושטימונג פון דער געזעצגעבנדער אָפּטיילונג פון די אָנגערירטע שטאַטן, אַזוי גוט ווי פונ'ם קאָנגרעס.

2. דער קאָנגרעס זאָל האָבן די מאַכט צו פאַרהאַנדלען אַלע נויטיקע רעגעלן און פאַסן אַלע געזעצן פאַר טעריטאָריעס אָדער אַנדער אייגנטום פון די פאַראייניקטע שטאַטן; און קיין זאַך אין דער קאָנסטיטוציע זאָל ניט אויסגעטייטשט ווערן אַזוי, אַז עס זאָל שאַדן די רעכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער פון וועלכן ניט איז באַזונדערן שטאַט.

טייל 4

גאַראַנטיע פאַר אַ רעפּובליק

די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל גאַראַנטירן צו יעדן איינעם פון די שטאַטן אין לאַנד אַ רעפּובליקאַנישע פאָרם פון רעגירונג, און זאָל יעדן פון זיי באַשיצן געגן אָנפאַלן פון שונא; און אויפ'ן פאַרלאַנג פון דער געזעצ־

געבנדער אפטיילונג אָדער פונ׳ם עקזעקוטיוו באַאמטן (ווען די געזעצמאַכנדע קערפּערשאַפט קען זיך ניט פאַרזאַמלען) געגן אינערליכן אויפשטאַנד.

ארטיקל 5

ענדערונג פון דער קאָנסטיטוציע

ווען צוויי דריטל פוןביידע הייזער פון קאָנגרעס וועלן דאָס געפינען פאַר ראַטזאַם זאָל דער קאָנגרעס פאָרשלאָגן אַמענדמענטס (אויסבעסערונגען) צו דער קאָנסטיטוציע, אָדער אויפ׳ן פאַרלאַנג פון די געזעצמאַכנדע אָפּטיילונגען פון צוויי דריטל פון די פאַרשידענע שטאַטן, זאָל ער צוזאַמענרופן אַ פאַרזאַמלונג כדי פאָרצושלאָגן אַמענדמענטס, וועלכע זאָלן אין יעדן פאַל זיין גילטיק פאַר אַלע אבזיכטן און צוועקן אַלס אַ טייל פון דער קאָנסטיטוציע, ווען די אַמענדמענטס וועלן גוטגעהייסן ווערן פון די געזעצמאַכנדע אָפּטיילונגען פון דריי פערטל פון די פאַרשידענע שטאַטן, וואו די אָדער אַנדערע מעטאָדן פון גוטהייסן וועלן פאָרגעשלאָגן ווערן פונ׳ם קאָנגרעס; בתנאי אַז קיין אַמענדמענט וואָס וועט געמאַכט ווערן פאַר דעם יאָר איין טויזנט אַכט הונדערט און אַכט (1808) זאָל אויף קיין פאַל ניט באַרירן דעם ערשטן און פערטן פּונקט אין דעם ניינטן טייל פונ׳ם ערשטן ארטיקל; און אַז קיין שטאַט זאָל אָן זיין צושטימונג ניט פאַרלירן די גלייכע רעכט צו שטימען אין סענאַט.

ארטיקל 6

חובות, העכסטע אָטאָריטעט, שבועה

1. אַלע חובות און פאַרפּליכטונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן איידער די קאָנסטיטוציע איז אָנגענומען געוואָרן, זאָלן בלייבן פּונקט אַזוי בינדענד פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן אונטער דער קאָנסטיטוציע ווי אונטער דער קאָנפעדעראַציע. (דער פּונקט איז געווען בלויז אַ צייטווייליקער און איז שוין איצטער מער ניט נויטיק).

2. די קאָנסטיטוציע און די געזעצן פון די פאַראייניקטע שטאַטן וואָס וועלן געמאַכט ווערן לויט די פאָרשריפטן פון איר, און אַלע אָפּמאַכן וואָס זיינען געשלאָסן געוואָרן, אָדער וואָס וועלן געשלאָסן ווערן, אונטער דעם רעכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, זאָלן זיין דאָס העכסטע געזעץ פון דעם לאַנד און די ריכטער פון יעדן שטאַט זאָלן אָן דעם זיין געבונדן ניט געקוקט אויף דער קאָנסטיטוציע אָדער די געזעצן פון וועלכן עס איז שטאַט וואָס קען זיין אין געגנטייל.

3. די אויבן דערמאנטע סענאטארן און די מיטגלידער אין די געזעץ־מאכנדע אפטיילונגען פון די באזונדערע שטאטן, און אלע געזעץ־דורכפירנדע (עקזעקוטיוו) און געזעץ־פארטייטשנדע (לעדזשיסליטיוו) באאמטע פון די פאראייניקטע שטאטן, און פון די באזונדערע שטאטן, זאלן זיין געבונדן דורך א שבועה צו אונטערשטיצן די קאנסטיטוציע; אבער קיין רעליגיעזער עקזאמען זאל קיינמאל ניט געפאדערט ווערן אלס אן איינגאנג פאר ועלכען עס איז אמט אדער עפנטליכן פארטרעטער אונטער די פאראייניקטע שטאטן.

ארטיקל 7

גוטהייסונג און עטאבלירונג

דאס גוטהייסן ביי דער פארזאמלונג פון ניין שטאטן זאל זיין גענוג אויף איינצופירן די קאנסטיטוציע צווישן די שטאטן וואס וועלן דאסזעלבע גוטהייסן.

דאס איז דערגרייכט געווארן מיט דער איינשטימיקער הסכמה פון די אנוועזנדע שטאטן, דעם זיבעצעטן טאג פון סעפטעמבער, אין יאר פון אונזער לארד 1787, און דעם צוועלפטן יאר פון דער אומאפהענגיקייט פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע. אלס עדות דערצו האבן מיר דא אונטערגעשריבן אונזערע נעמען.

(די קאנסטיטוציע איז צוגעשטעלט געווארן דעם 17טן סעפטעמבער, 1787 דורך דער קאנסטיטוציאנעלער קאנווענשאן, איז גוטגעהייסן געווארן דורך די קאנווענשאנס פון די פארשיידענע שטאטן אין דער צייט ביז דעם 29טן מאי, 1790, און איז אריין אין קראפט דעם 4טן מערץ, 1789.)

אמענדמענטס (אויסבעסערונגען)

אמענדמענטס (אויסבעסערונגען) און צוזעצונגען צו דער קאנסטיטוציע פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, פארגעשלאגן ביים קאנגרעס און גוטגעהייסן דורך די געזעצגעבנדע אפטיילונגען פון די פארשידענע שטאטן* אין איינקלאנג מיטן פינפטן ארטיקל פון דער אריגינעלער קאנסטיטוציע.

אמענדמענט איינס

פרייהייט פון רעליגיע, פון רעדע, און פון פרעסע

דער קאנגרעס זאל ניט שאפן קיין געזעץ וועגן עטאבלירן א רעליגיע אדער

*ארטיקל 21 פון די אמענדמענטס, איז געווען דער ערשטער וואס האט געפאדערט ראטיפיצירונג ניט ביי געזעצמאכנדע קערפערשאפטן נאר ביי קאנווענשאנס.

פאַרוועהרן פריי צו פּראַקטיצירן רעליגיע; אָדער באַשרענקען די פרייהייט פון רעדע אָדער פון פּרעסע; אָדער דאָס רעכט פון דעם פאָלק זיך צו פאַר־זאַמלען אויף אַ פרידליכן אופן און צושטעלן פּעטיציעס צו דער רעגירונג צו פאַרגיטיקן קריוודעס.

אַמענדמענט צוויי

דאָס רעכט צו באַזיצן און טראָגן וואָפן

אַזוי ווי אַ גוט רעגולירטע מיליץ איז נויטווענדיק פאַר דער זיכערהייט פון אַ פרייען שטאַט, זאָל דאָס רעכט פון דעם פאָלק צו באַזיצן און טראָגן וואָפן ניט פאַרלעצט ווערן.

אַמענדמענט דריי

איינקוואַרטירן סאָלדאַטן

אין צייט פון שלום, זאָל קיין סאָלדאַט ניט איינקוואַרטירט ווערן אין קיין שום הויז אָן דער צושטימונג פון דעם אייגענטימער; אויך ניט אין צייט פון מלחמה, סיידן אויף אַן אופן וואָס וועט אָנגעצייכנט ווערן פון דעם געזעץ.

אַמענדמענט פיר

זיכערהייט געגן אומגערעכטע אונטערזוכונגען און קאָנפיסקאַציעס

דאָס רעכט פון דעם פאָלק צו זיין געזיכערט אין זייער פּערזאָן, הייזער, פּאַפּירן און אייגענטום געגן אומגערעכטע אונטערזוכונגען און קאָנפיסקאַ־ציעס טאָר ניט פאַרלעצט ווערן; און קיין שום אַרעסט־באַפעל זאָל אַרויס־געגעבן ווערן, סיידן אויף אַ מעגליכן גרונד, אונטערשטיצט דורך אַ שבועה אָדער אַ באַשטעטיקונג, און גענוי באַשרייבנדיק דאָס אָרט וואָס וועט אונ־טערזוכט ווערן און די מענטשן אָדער זאַכן וואָס וועלן אַוועקגענומען ווערן.

אַמענדמענט פינף

די רעכט פון אָנגעקלאָגטע בעת קרימינעלע פּראָצעסן

קיין פּערזאָן זאָל ניט פאַרהאַלטן ווערן צו ענטפערן אויף אַ מאָרד־קלאַגע אָדער אַנדערע נידערטרעכטיקע פאַרברעכנס, סיידן דורך אַ באַשולדיקונג אָדער אָנקלאַגע פון געריכטס־געשוואוירענע, חוץ אין פאַלן וואָס פּאַסירן אין דער אַרמיי אָדער פלאָטע, אָדער אין דער מיליץ בשעת פאַקטישער דינסט אין צייט פון מלחמה אָדער בשעת אַן אַלגעמיינער געפאַר; אויך זאָל קיין פּערזאָן ניט אויסגעזעצט ווערן צוויי מאָל צו דער געפאַר פון זיין לעבן אָדער אַ גליד פאַר דעמזעלבן פאַרברעכן; אויך זאָל ער ניט געצוואונגען

ווערן אין קיין שום קרימינעלן פּראָצעס צו זיין אַן עדות געגן זיך אַליין, און ער זאָל ניט באַרויבט ווערן פון זיין לעבן, פרייהייט, אָדער אייגנטום אָן אַ געזעצליכן משפּט; אויך זאָל פּריוואַט אייגנטום ניט קאָנפיסקירט ווערן פאַר קהל׳שן נוצן, אָן אַ גערעכטער באַלוינונג.

אמענדמענט זעקס

דאָס רעכט פאַר אַ שנעלן פּראָצעס, עדות, א. א. וו.

אין אַלע קרימינעלע אָנקלאַגעס זאָל דער אָנגעקלאָגטער האָבן דאָס רעכט אויף אַ שנעלן און עפנטליכן פּראָצעס דורך אַן אומפּאַרטייאישער דזשורי פון דעם שטאַט און דיסטריקט וואו דער פאַרברעכן זאָל האָבן באַגאַנגען געוואָרן; דער דיסטריקט דאַרף פריער פעסטגעשטעלט ווערן דורך דעם געזעץ; און דער אָנגעקלאָגטער זאָל אינפאָרמירט ווערן וועגן דעם כאַראַקטער און די אורזאַך פון דער באַשולדיקונג; ער זאָל געשטעלט ווערן פּנים אל פּנים מיט די עדות וואָס טרעטן אויף געגן אים; ער זאָל האָבן דאָס רעכט צו צווינגען עדות צו קומען אויפטרעטן פאַר אים און צו האָבן די הילף פון אַן אַדוואָקאַט פאַר זיין פאַרטיידיקונג.

אמענדמענט זיבן

דאָס רעכט פון אַ פּראָצעס דורך אַ דזשורי אין ציווילע משפּטים

אין קלאַגעס פון „קאמאָן לאָ" (דאָס ניט־געשריבענע געזעץ וואָס קומט אריין אין געברויך דורך דער פּראַקטיק פון געריכטס־אַנטשיידונגען אָדער דורך אַלגעמיינע מנהגים), וואו דער געלט־ווערט פון דעם סכסוך באַטרעפט מער פון צוואַנציק דאָלער, זאָל דאָס רעכט פון אַ פּראָצעס דורך אַ דזשורי אָנגעהאַלטן ווערן; און קיין ענין וואָס ווערט פּראָצעסירט דורך אַ דזשורי זאָל אויף קיין אופן ווידער ניט עקזאַמינירט ווערן אין קיין שום געריכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, סיידן אין איינקלאַנג מיט די רעגולאַציעס פון „קאמאָן לאָ".

אמענדמענט אכט

ערבות—געלט־שטראָף—אַנדערע שטראָפן

קיין צו הויכע סומען ערבות־געלט זאָל ניט געפאָדערט ווערן, אויך זאָל ניט אַרויפגעלייגט ווערן קיין צו גרויסע געלט־שטראָף, און עס זאָלן אויך ניט אויסגעטיילט ווערן קיין גרויזאַמע און אומגעוויינטליך שווערע באַשטראָפונגען.

אמענדמענט ניין

רעזערוואַציע פון די רעכטן פון דעם פאָלק

דאָס וואָס עס ווערן אויסגערעכנט אין דער קאָנסטיטוציע געוויסע רעכט, זאָל עס ניט אויסגעטייטשט ווערן אויף אָפּצולייקענען אָדער פאַרמינדערן אַנדערע רעכט וואָס פאַרבלייבן ביים פאָלק.

אמענדמענט צען

די מאַכט וואָס איז רעזערווירט פאַר די שטאַטן אָדער דעם פאָלק

די מאַכט וואָס איז ניט איבערגעגעבן געוואָרן צו די פאַראייניקטע שטאַטן דורך דער קאָנסטיטוציע, און איז אויך ניט פאַרווערט געוואָרן דורך איר צו די שטאַטן, געהערן רעספּעקטיוו צו די שטאַטן אָדער צום פאָלק.

(די ערשטע צען אַמענדמענטס זיינען אַלע פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון דעם קאָנגרעס דעם 25טן סעפּטעמבער, 1789, און זיינען ראַטיפיצירט און באַשטעטיקט געוואָרן דעם 15טן דעצעמבער, 1791.)

אמענדמענט 11

באַשרענקונגען פון יורידישער מאַכט

די געריכטליכע מאַכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל ניט אויסגעטייטשט ווערן אַזוי אַז זיי זאָלן קענען אַרייננעמען קלאַגעס אין געזעץ אָדער גערעכטיקייט, וועלכע זיינען אָנגעפירט אָדער אָנגעפאַנגען געוואָרן קעגן איינעם פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון בירגער פון אַן אַנדער שטאַט, אָדער פון בירגער אָדער אונטערטאַנען פון אַ פרעמדער מדינה.

(פאָרגעשלאָגן אין קאָנגרעס דעם 4טן מערץ, 1794, און ערקלערט ראַטיפיצירט דעם 8טן יאַנואַר, 1798.)

אמענדמענט 12

דערוויילונג פון דעם פרעזידענט און וויצע-פרעזידענט

די עלעקטאָרס זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין זייערע באַזונדערע שטאַטן און שטימען דורך אַ שטימצעטל פאַר פרעזידענט און פאַר וויצע-פרעזידענט, איינער פון וועלכע, ווייניקסטענס, זאָל ניט זיין קיין איינוואוינער פון דעמזעלביקן שטאַט ווי זיי. זיי זאָלן אָנגעבן אויף זייערע שטימצעטלען דעם נאָמען פון דעם, פאַר וועלכן זיי שטימען פאַר פרעזידענט, און אויף אַ באַזונדערן שטימצעטל דעם נאָמען פון דער פערזאָן פאַר וועמען זיי שטימען

